זשעלעבאָווער בולעטין

באנייטער בולעטין נומער 10
פאנאמא מערץ 1967

יעדער מענטש און אפילו יעדעס
מינדעסטע לעבעדיקע באַשעפעניש
האָט מער שאַנסן אויף צו זיין
פריילעך, ווי אומעטיק. *)
י. מ. ווייסענבערג.

דערשיינט זינט 1944, ארויסגעגעבן פון דער
זשעלעבאָווער משפחה צעשפרייט איבער דער וועלט.

זשעלעכאָווער בולעטין נומער 10 1967

רעדאקציע:לייבוש ווייסלעדער(לעאָ ווייס)שיקאגאָ
שאָלעק אלטמאן פאנאמא
פארוואלטערן מלכהלע פרוכטענבערג ברוקלין

אינהאלט:

עדיטאָריעל זייט 2
ליד לערער 5
חסידות דר העשיל קלעפפיש 6
אפאָריזמען דר ש. ביקל 13
ווייסענבער ישראל שטערן 14
שפריכווערטער בן שלום 20
דער בונטאר לעאָ קעניג 21
חיים גרינבערג דר ש.ביקל 26
לעבן אין קיבוץ יהודה בן שלום 32
יעווטושענקאָ און שטיינבעק 37
יידן אין פאנאמא שאָלעק 41
ביים פאָרהאנג דר סווערדלין 57
ניט די יוגנט איז שולדיק 60
א גאָלאָמב
פארוואלטערס ווינקל 67
משה פון מיקל אנזשעלאָ 74
ווידע פון ג אָשלאק 76
פארשידנס,באריכטן,גראטולאציעס

סוף לעצטע זייט פון שער־בלאט

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

זשעלעבאָווער בולעטין

יעדער מענטש און אפילו יעדעס
מינדעסטע לעבעדיקע באַשעפעניש
האָט מער שאַנסן אויף צו זיין
פריילעך, ווי אומעטיק. (*
י. מ. ווייסענבערג.

-אז אין טראכט פון ווייסענבערג, דוכט זיך מיר, אז אין אסך, אסך דורות, האָט געלעבט און געשטומט די נשמה פון דער קונסט וואָס האָט אין אים איצט אויפגעפלאמט.....ש. ניגער......

אונזער בולעטין

מיט די לעצטע צען נומערן „באַנײַטער בולעטין", האָבן מיר געטאָן א ריזיקן שפאן פאָרויס. געװען א חלל,א בלויז,אין אונזער משפחה־גאנצקייט,און אונזער ארבייט האָט זייער פיל געליטן. צעריסן איז געװאָרן דער ענגער קאָנטאקט מיט די פארשידענע גרופּעס צעשפרייט איבער פיר קאָנטינענטן.מיט דעם שריפטל האָבן מיר װידער אויפגעװעקט אלטע אומצערײַסבארע הארצפעדים פון אונזערע פריינט אומעטום.און גראָד, איצט,בײַם אָנהויבן דעם באַנײַטן „בולעטין" אין יאָר 1964,האָבן מיר דערפילט װאָס עס מײַנט פאר אונז אלע,א טריבונע װאו יעדער אײַנער קאָן זיך ארויסזאָגן,פריי און אומגעשטערט,זײַנע געדאנקען,געפילן,װי אזוי בעסער אָנצוגײן מיט אונזער ארבייט.

בײַם אָנהויב,האָבן מיר זיך אביסל געשראָקן. װער װײס ?איצט נאָך אזויפיל יאָרן נאָכן גרויסן בראָך,װיל דאָך יעדער פארגעסן װאָס עס איז געװען,יענע פיינלאכע יאָרן...און דאָך,װײַזט זיך ארויס,אז די פעסימיסטן האָבן א טעות געהאט. ניט האָט אונזער משפחה אויפגענומען מיט פרייד ,די װידער דערשיינונג פון אונזער „בולעטין", נאָר האָט זיך ארייננעװאָרפן מיט אלע כוחות העלפן דערשײַנען רעגולער,דרײַ נומערן יערלאך,נאָר אָנגעהויבן דירעקט אנטײלנעמען אין יעדן נומער מיט באריכטן,געשײַעניש לאָקאלע,בילדער פון שמחות,בכלל,אלץ װאָס עס קומט פאָר בײַ אונזער משפחה אין יעדן װינקל װאו זײ װאוינען,צו באריכטן אין אונזער שריפט.

****

אין ערשטן נומער האָבן מיר קוים געהאט דרײַ זייטלאך מיט לאָקאלע נייעס,היינט האָבן מיר שוין דערגרייכט עטלאכע און פערציק זייטלאך,באריכטן,נייעסן פון אונזערע גרופּעס אומעטום. אויך בילדער װאָס פריינט שיקן אריין פון זייערע שמחות,גראדואירונגען פון זײַערע קינדער,משפחה,װײַזט דעם גרויסן אינטערעס װאָס דער „בולעטין" האָט ארויס גערופן בײַ אלע אלע אונזערע זשעלעכאָװער אומעטום.

אויך די געלט פראגע בײַם אָנהויב,פארשװינדט ביסלעכװײַז.מיר האָבן

א פיל גרעסערן בודזשעט ווי מיר האָבן געהאט אמאָל. דער ערשטער נומער אין 1944 האָט געהאט בלויז פיר זייטלאך, געווידמעט אונזער ערשטן אָנהויב פון אונזער הילפס ארבייט. היינט, פאר די לעצטע צען נומערן, דערשיינט רעגלמעסיק אין העכער 100 זייטן. אויך דער אינהאלט, האָט זיך זייער פיל געענדערט. אחוץ די ריין לאנדסמאנשאפט פראָבלעמען, זיינען פאראן, ווערן בעהאנדלט, פראגן פון ערנסטן באדייט. היינט קאָן שוין א זייטיקער מענטש האָבן אן אינטערעס אין אונזער „בולעטין". איר וועט געפונען אָפּהאנדלונגען איבער פארשידענע יידישע און אלגעמיינע פראָבלעמען וואָס קאָנען זיך ניט פארשעמען אפילו אין די בעסערע, גוטע זשורנאלן. עס איז ניט זעלבסט לויב. עס זאָגן עדות די צענדליקע בריוו וואָס מיר קריגן אריין פון זייטיקע מענטשן. מענטשן וואָס קאָנען און שאצן אָפּ אונזער „בולעטין". אונזער „בולעטין" ברענגט כבוד אונזער משפחה איבער דער גאנצער וועלט. לאָמיר, טייערע פריינט, דעם דאָזיקן באנד אָנהאלטן אַף לאנגע יאָרן.

****

הילפס ארבייט. ליי־קאסע.

די ליי קאסע איז איינע פון די נויטיקסטע אינסטיטוציעס וואָס מיר האָבן געשאפן און מעגן זיין שטאָלץ מיט אונזער באשאף. ישראל איז נאָך ניט אמעריקע, אָדער לאטיין אמעריקע וואו יידן לעבן אין זייער גוטע פינאנציעלע באדינגונגען. מאנכע, אפילו אין דוקטוס, מיט צוויי אָדער גאָר דריי דינסטן. דער ישראל מענטש, אונזער זשעלעבאָווער, איז אן אָנגעשטעלטער אָדער ארבייטער. קיין טויזנטער אין דער באנק פארמאָגט ער ניט. קומט פאָר עפּעס א שמחהלע, פעלט אים שוין אויס דער דאלאר. איז דאָ אן אדרעס, א ליי קאסע וואו ער קאָן אריינגיין און קריגן א הלוואה אָן א גראָשן פּראָצענט. דאָס איז א גרויסע הילף, וואָס מאנכע פון אונז, אין די היגע לענדער, שאצן דאָס ניט אפילו אָפּ. לעצטנס, שרייבט אונזער חשובער סעקרעטאר וואָס גיט אוועק א וועלט מיט ארבייט פאר דער ליי קאסע, פריינד אריה לעדערמאן, אז די יינגע קינדער פון אונזערע זשעלעבאָווער הויבן אָן קומען בעטן הלוואות פון דער ליי קאסע. מאנכע דארפן די עטלאבע לירעס זיך איינצושטעלן אן אייגן פאמיליע לעבן, מעבל, א דירה א א וו. און נאָך ניט געווען א

פאל וואו מען זאָל עמיצן אָפזאָגן,שרייבט אונז,פריינט לעדערמאן. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך שווערע מי און האָראוואניע פון לייבושן און פון זייער פיל פריינט צעוואָרפן איבער פארשידענע לענדער. און אָט איז,א מוסטער גרופע,אויסטראליע וואו יעדעס יאָר ווערט אוועקגעשיקט א פיינע סומע געלט פאר אָט דעם צוועק. אויך קאָסטע ריקע,אדאנק דער שווערער ארבייט פון צירעלע רידעלמאן,ווערט געשאפן א יערלאכער סומע פאר דער ליי קאסע. דארפן מיר אייך פריינט אומעטום ניט דערמאָנען וואָס עס מיינט פאר אונזערע פריינט אין ישראל די דאָזיקע שיינע ווערטפולע אינסטיטוציע. מיר דערווארטן,אז אויך אין דער צוקונפט וועט איר,ווען מיר אלע,אָנהאלטן אָט די שיינע מידה פון אונזערע עלטערן, העלפן יענע וואָס נויטיקן זיך אין אונזער הילף. האָט הנאה פון געבן !

****

פריינט בן שלום פון ישראל און טשעטשינארזש פון בראזיל האָבן אונז פאָרגעשלאָגן,אז די ערשטע זייט זאָל געענדערט ווערן,און האָבן בילדער פון אונזערע קדושים ווי : רב שמעון מאיר ענגעל,גאון און געלייטערטער ייד,ווייסענבערג,יחיאל לערער,חיים אנקערמאן,שלמה בריינסקי א א מיר האָבן דאָס פריער ניט געקאָנט טאָן צוליב ריין פינאנציעלע מאָטיוון. איצט,אז מיר זיינען שוין אביסל רייכער אין דער קאסע (נאָך ניט צו רייך..)הויבן מיר דאָס אָן איינצופירן. אין איצטיקן נומער האָבן מיר א בילד פון ווייסענבערגן,וואָס איז בשעתו געווען זייער פאָפולער אין פוילן. שפעטער ,וועלן מיר געבן אויך פון די אנדערע. מיר האָבן אָבער ניט קיין בילד פון חיים אנקערמאן. וואָלטן מיר וועלן בעטן עמיצן וואָס האָט אזא בילד,ניט וויכטיק די גרויס,דאָס אונז צושיקן. אויך אן ארטיקל וועגן אים,א מין ביאָגראפיע. דאָס זעלבע וועגן שמעון מאיר ענגעלס.

****

מיר ווילן מיט פרייד איין לאָזן וויסן,אז אונזער טייערער,חשובער דר העשיל קלעפפיש וואָס האָט זיך באליבט געמאכט מיט זיינע הויך אינטעלעקטועלע ארטיקלען געשריבן אין א פיינעם לייכטן סטיל,וועט איצט אָנהויבן
יע
א סעריע ארטיקלען:„מיינע איבערלעבונגען אין צווייטן וועלט קריג.״

אויך אנדערע ערנסטע,וויכטיקע ארטיקלען וועלן באַרייכערן אונזער בולעטין.

****

****

****

מײן הײם

פון יחיאל לערער ז״ל

נאָקעט װי אדם ? --נײט גוט געזאָגט.
יענער האָט גאָרנישט און אלץ דאָך פארמאָגט:
א גלויבן, א גאָט און פרײד פון א קינד,
און שרעק פון א קינד און מורא פאר זינד.
נאָקעט בין איך, נאָקעט אף א האָר
אין טויזנט נײנהונדערט זיבנאונדרײסיקטן יאָר.
לבין די מדבר אלײן, איר זאמד דאָס פארברענטע,
א שול א פארשװעכטע פון שונאים געשענדטע,
א שװאלבן-נעסט האַרבסט צײט, װען עס פאלן די בלעטער,
א חורבה-א זכר נאָך געשטאָרבענע געטער,
א בײדל אין סאָד אונטער װינטער שנײ בלײבן-
און נאָקעטער נאָך װי די אלע פארגלײכן.

אויך מײן עבר, דעם גאָלדענעם, האָט צײט שוין
פארװישט:
דאָך אנומלט, װען איך האָב זײנע בלעטלאך געמישט
און אין שעהן זיך דערמאָנט, אין מינוטן פארגאנגענע,
װי שטערנדלאך בלויע, אין נאכט רוים צעהאָנגענע
װי שװלבן פוביקע, איבער טײך פלאך געפלויגן-
האָבן טרערן, װי פונקן, געברענט אין די אויגן.
אָ גאָט װען זײ װאלטן געפלאָסן װי קװאלן!
דאָך האָבן זײ פארגלייט און אראָפ נײט געפאלן...

* * *

חסידות־די באַװעגונג װאָס איז אויסגעװאקסן צװישן פּוילישן ײדנטום.



פון ד״ר העשיל קלעפּפיש (סוף)

פינף הונדערט יאָר פאר רביישראל בעל שם טוב ,האָט דער רמבם,דער גרויסער דענקער און לערער,װאָס איז אויסגעװאקסן צװישן שפאנישן ײדנטום,דערקלערט, אז דער פאָלקומער,שלימותדיקער מענטש, איז דער,װאָס הויבט זיך אויף העכער װי דער המון,העכער װי די מאסן־ אין דער שיטה פון רבי ישראל בעל שם טוב,דער לערער װאָס איז אויסגעװאקסן צװישן דער ײדישער מאסע אין אוקרײנע,קאָן קײנער זיך ניט אויפהויבן איבער דעם המון.אלע מענטשן דארפן זוכן שלימות.אלע,איר און איך,אלע זײנען בכוח צו שטײגן העכער און העכער.יעדער מענטש איז א לײטער װאָס שטײט אף דער ערד,און זײנע שפּיצן גרײכן צום הימל. און ער,דער מענטש,דארף זיך נאָר אָפּגעבן א חשבון און דערקענען די װאונדערלאכע כוחות און מעגלאכקײטן װאָס שפּרודלן אין אים.

דער בעל שם האָט געזאָגט:עס זײנען פאראן צװײ מינים מענטשן: א רשע גמור,און דער װאָס רײדט זיך אײן,אז ער איז א צדיק.דער רשע קאָן נאָך תשובה טאָן,אָבער,דער װאָס רײדט זיך אײן,אז ער איז א צדיק, װיאזוי קאָן ער געפונען דעם װעג צו תשובה ?

* * *

צוזאמען מיט דער פרײד װאָס האָט געפלײצט פון זײַן פערזײנלאכקײט,פון זײַן װאָרט און פון זײַן טאט,האָט דער בעל שם אויך פאנאנדערגעטראָגן די אידײע פון באשײדנקײט,פון יענער עניװת װאָס דערגײט צו איר טיפסטן אויסדרוק און צו איר עכטן װעזן.די אידײע פון שפלות,פון דער איבערצײגונג אין דער אײגענער מינדערװערטיקײט. נאָר אזוי ארום איז דער מענטש ניט מסוגל זיך צו פילן העכער און חשובער װי דער אנדערער.ער איז ניט מיד געװאָרן ארויסצוטרעטן קעגן

די וואָס בלייבן צופרידן מיט זיך.פאר זיין פטירה,אין די לעצטע מינוטן פון זיין באוואוסטזיין,האָבן זיינע ליפּן געפּליסטערט,טשעפּע זיך אָפּ פון מיר,נארישע פּוסטע גאווה.אפילו אין מינוטן פארן טויט קומסטו צו מיר און דו זאָגסט:זע ישראל,וואָסער שיינע לויה דו וועסט האָבן. גיי אוועק פון מיר,נארישע פּוסטקייט,טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!..

* * *

אין דער נייער לערע איז אויך געזאָגט געוואָרן,אז אויב אין זיין עלנט דאַרף א ייד האָבן אף וועמען זיך אָנצושפּארן.דער ייד דארף האָבן א צדיק.א רבין.דער צדיק איז ניט בעסער פון די אנדערע,ער שטרעבט נאָר שטארקער זיך צו דערנענטערן צו גאָט,און פילן און מיטפילן די ליידן פון מענטש. און טאקע ארום און מיטן רבין, קאָן די שטרעבונג צו געטלאכקייט און מענטשלאכקייט פארשטארקט ווערן אין די הערצער.עס איז גוט,אז יידן געפינען זיך צוזאמען,שטרעבן צוזאמען, בענקען צוזאמען און דערהויבן זיך צוזאמען.מען קריגט זיך,אזוי ארום, מער ליב. מען העלפט אזוי איינער דעם אנדערן,מען בינדט זיך צוזאמען. מען העלפט אזוי,איינער דעם אנדערן.מען פארברידערט זיך,די אונטערשידן פארווישן זיך.מען זעט,אז מען איז ניט אליין אין דער וועלט.מען קריגט גאָר אן אנדערן בטחון,ווען מען איז צוזאמען מיט אנדערע חסידים און צוזאמען מיטן רבין.

* * *

די נייע לערע האָט אויך גענומען א שטעלונג צו די פראגן און פּראָבלעמען,וואָס האָבן דאַן,אין דער ערשטער העלפט פון 18טן יאָר הונד. דערשיטערט דאָס יידישע פאָלק.איר באגרינדער האט געהאט דאָס געפיל פון פערזיינלאכער פאראנטוואָרטלאכקייט פארן גורל פון דער אומה,און ער האָט ארומגענומען מיט ווארימקייט,ליבשאפט,אלע אירע טיילן. אפילו שבתאי צבי,האָט דער בעל שם געזאָגט,האָט אין זיך א ניצוץ פון קדושה,נאָר די טומאה האָט אים ,צום באדויערן,פארשלונגען... דער בעל שם האָט אויך געוואגט אויסצודריקן זיין אייגענע מיינונג איבער דעם אָפּפאַל וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די באוועגונג פון שארלאטאן און פאלטשן משיח,יעקב פראנק.דער בעל שם האָט געזאָגט: מען האָט זיי צופיל גערודפט און בידים פארשטויסן פון דער יידישער

מחנה,יעקב פראנקן און זיינע נאָכפאָלגער..ווען די פראנקיסטן האָבן זיך געשמדט ,האָט דער בעל שם פארבראָכן די הענט,אין ווייטיק קלאָגט איצט די שכינה..כל זמן זיי זיינען געווען באהאָפטן מיטן פאָלק,איז נאָך אלץ געווען א האָפענונג.אולי,טאָמער..אָבער ווען דער גליד איז געוואָרן אָפּגעשניטן,איז ניטאָ מער קיין תקנה.און איטלאכער איז דאָך א גליד פון דער שכינה,און אין איטלאכן יידס נשמה טליען פונקן פון דער געטלאכקייט.

****

חסידות–א נייער לעבנס שטייגער.

חסידות–האָט מען גערופן די נ״ע לערע.חסידים–האָט מען גערופן די תלמידים פון בעל שם.דאָס איז אייגנטלאך געווען אן אלט וואָרט,און אלטער באגריף.איר געפונט דעם אויסדרוק „חסיד" אין תנך. דאָס מיינט א מענטש וואָס טוט חסד,וואָס טוט גענאָד.און געווען א סעקטע וואָס האָט זיך גערופן „חסידים" נאָך אין דער תקופה פון די חשמונאים,און עס האָבן אויך עקזיסטירט אין מיטלאלטער,ווי אויך אין פארשידענע צייטן גרופן וואָס האָבן זיך גערופן „חסידים".און א גרויס און טיף ספר איז געשאפן געוואָרן אין מיטלאלטער,דורך איידעלע דענקער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הויכער מאָראל,געלייטערטע מידות–דאָס ווערק רופט זיך „ספר החסידים".

****

אָבער,די באוועגונג וואָס דער בעל שם האָט געשאפן,האָט גאָר ניט געהאט צו טאָן מיט די גרופן וואָס האָבן אמאָל געטראָגן דעם נאָמען. ניט געווען פאר דעם בעל שם אין דער יידישער געשיכטע,אזא לערע. ניט געווען פריער,אזא באוועגונג.

דאָס הייסט ניט,נאטירלאך,אז אלע געדאנקען פון בעל שם זיינען געווען ניי.אין א קולטור וואָס איז אלט טויזנטער יאָרן,אין א פאָלק וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיטן פראָבלעם פון גאָט און מענטש,איז מעגלאך צו געפונען קערנדלאך פון יעדער שיטה.דאָס נעמט,אָבער ניט אוועק ביי דער „חסידות" די אָריגינעלקייט.און, „חסידות" איז ניט בלויז א לערע. זי איז עטוואָס מער.זי איז א לעבנס שטייגער,א ציוויליזאציע.

****

****

איבער שטאט און דארף האט ער געוואנדערט,דער באגרינדער פון חסידיזם מיטן שטעקן אין דער האנט,מיט דער לולקע אין מויל.און פון אים האט געשטראלט ווארימקייט. יעדער ישוב,וואו זיין ווארט האט דערגרייכט,איז אויפגעפרישט געווארן,איז באהויכט געווארן מיט אטעם פון א נייעם אינהאלט.דער בעל שם האט זיין תורה ניט פארשריבן.דאס האבן געטאן שפעטער,זיינע תלמידים.ער אליין איז געווען די פארקערפערונג און אנטפלעקונג פון זיין לערע.און לעגענדעס האבן זיך גענומען שפינען ארום אים,נאך ביי זיין לעבן.ער האט ניט געבראכט די מענטשן,די בשורה פון א משיח,וואס איז געבוירן געווארן. ער האט ניט געבראכט די מענטשן דעם אנזאג פון א נייעם אויסלייזער,וואס איז געשיקט געווארן פון הימל.ער האט זיי אויך ניט צוגעזאגט צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע לאגע און ברענגען א סוף צו זייער ארימקייט.ער האט פאר זיי,געעפנט די קוואלן פון אינערלאכער פרייד און אינערלאכן גליק.

ער האט זיי געוויזן א נייעם וועג,אזא נאענטן וועג צו גאט און מענטש. א וועג וואס פירט ניט דורך א משיח,אויסלייזער,נאר וואס געפונט זיך אין זיי אליין,און צו וועלכן יעדער איינער פון זיי,יעדער איינער איז בכוח צו דערגיין דורך אייגענע כונות און אייגענעם גלויבן.

****

די צואה וואס איז פארבליבן פון אים,איז א רירנדיקער דאקומענט אין אונזער רעליגיעזער און עטישער ליטעראטור.אין דער צואה ווערט, מיט תמימותדיקער פשטות אנגעצייכנט פארן יידישן מענטש,ווי אזוי ער קאן שטייגן העכער צו גאט,ווי אזוי ער קאן זיך ליטערןאון אויסבעסערן זיינע מידות,און וויאזוי ער קאן פארטרייבן פון זיך טרויער און דערפילן די פרייד פון טראגן אין זיך דעם„צלם אלוהים״ פון זיין א ייד און טאן מצוות.

****

דעם צווייטן טאג שבועות,תקך (אין יאר 1760)איז אין מעזשביזש נפטר געווארן דער גרינדער פון חסידיזם,רבי ישראל בעל שם טוב.

****

השפעה פון חסידיזם.

די לערע איז אנטשטאנען צופוסנס פון די קארפאטן בערג,איז דורך די תלמידים צעטראגן געווארן איבער דער לענג און ברייט פון אוקריינע,

פון פוילן,און פון די שכנותדיקע מדינות,זי האָט אויפגעטרייסלט די יידישער וועלט,און געוואונען אין אירע רייען באדייטנדע טיילן פון פאָלק.

זי האָט,נאטירלאך,אויך ארויסגערופן ביטערע קעגנערשאפט.עס זיינען קעגן איר אויפגעשטאנען פרומע,וואָס האָבן געהאלטן,אז זי רואנירט דעם יסוד פון יידישקייט,לערנען תורה.עס זיינען קעגן איר ארויסגעטראָטן משכילים און די אויפגעקלערטע,וואָס האָבן אין איר געזעען א פעסטונג פון פאָאורטיילן און אָפגעשטאנענקייט , חסידים מתנגדים,משכילים,דאָס זיינען די דריי גרויסע שטרייטנדע גרופן אין דער יידישער געזעלשאפט אין די דורות נאָך דעם אנטשטיין פון חסידיזם.און די קאמפן וואָס די דריי גרופן האָבן צווישן זיך געפירט,האָבן,אָפטמאָל,אָנגענומען שארפע פאָרמען.

* * *

אָבער,חסידיזם האָט אין זיך געהאט לעבנסקראפט און געוואלטיקן צויבער. און זי איז אויסגעוואקסן אין א גרויסע און מעכטיקע פאָלקסבאוועגונג.ניט איין מאָל זיינען אירע פארביסענע קעגנער געוואָרן אירע געטרייע אנהענגער.ניט איין מאָל זיינען אויסגעשפראָכענע מתנגדישע רבנים איבערגעקערט געוואָרן אין הייסע אנהענגער,אין הייסע חסידים.רבי שניאור זלמן פון ליאדי,דער גרויסער גאון און שארפער קאָפ,איז באצוואונגען געוואָרן פון גייסטיקן כוח פון חסידיזם און ער האָט אויסגעבויט אינזלען פון חסידות אין דער מתנגדישער יבשה.

ניט איין מאָל ,זיינען פירנדע משכילים מיטגעצויגן געוואָרן מיטן פאטאָס פון חסידיזם,און צעגליט געוואָרן אין איר פלאם.

* * *

יצחק לייבוש פרץ האָט אָנגעהויבן זיין ליטערארישע קאריערע ווי א משכיל און האָט פארענדיקט ווי דער לירישער באזינגער פון חסידיזם אין דער נייער יידישער ליטעראטור. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי איז אריינגעטראָטן אין דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראטור,מיטן שטורמישן רוף איבערצושאצן אלע אירע גייסטיקע ווערטן,אָבער,ער אליין האָט זיך אָנגעהויבן לייטערן אין דער קדושה פון חסידיזם.

מארטין בובער האָט דאָס ליכט פון חסידיזם צעטראָגן אין דער ניט יידישער וועלט,און פיל גוים זיינען פארבליפט געוואָרן פון דער אומפארגלייכלעכער פאָעזיע וואָס איז פאָרבעהאלטן אין די חסידישע אוצרות.

שמואל יוסף עגנון איז אין זיין אינערלאך וועזן, אין זיין טעמאטיק, אין זיינע סימבאָלן, און אויך אין זיין סטיל, אינגאנצן בעאיינפלוסט פון חסידיזם. זיינע ווערק זיינען א פרוואוו פון א מאָדערנעם שרייבער צו שפינען די טראַדיציעס פון די אלטע ספרימלאך און איבערצוגעבן דעם היינטיקן לייענער די מחשבה און דעם סטיל פון פארצייטנס.

און זאָל מען ניט קומען און זאָגן, אז חסידות האָט ניט אלע מאָל פארמאָגט די עכטקייט און ריינקייט פון איר באגינען. די צדיק אינסטיטוציע, דער גלויבן אין רבין, איז ניט אלע מאָל געווען אזוי שיין און דערהויבן... מיר מוזן געדענקען, אז עס איז ניט דאָ קיין באוועגונג וואָס זאָל זיך ניט אמאָל אָפּנויגן אין זייטיקע שליאכן. דאָס ווארפט, אָבער, ניט קיין שאָטן ניט אויף איר און ניט אויף אירע באשעפער.

******************** יעדער איינער וואָס פארטראַכט זיך, ערלאך און ערנסט, איבער יידישער געשיכטע, מוז מודה זיין, אז חסידיזם האָט אריינגעבראכט דויערנדיקע און בויענדיקע ווערטן אין יידישן לעבן. זי האָט געגעבן אינהאלט און אָנהאלט אין צייטן פון כאאָס און פון תוהו ובוהו. חסידיזם האָט אָפּגעראטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון דראָענדן פאנאנדערפאל, אין א תקופה פון בין השמשות. און זי האָט ניט פארלאָרן איר באדייטונג און ווערט אויך אין אונזער צייט, אין אקטועלן לעבן און דער אקטועלער יידישער קולטור.

****

אין די אידייען פון בעל שם טוב איז נאָך אלץ דאָ אן אָנדייטונג און אָנווייז אפן וועג, וואָס קאָן אונז ארויספירן פון אונזערע היינטצייטיקע בלאָנזשעניש. אין די געשיכטעס פון רבי נחמן בראצלאווער, זיינען נאָך נאָך אלץ דאָ עלעמענטן וואָס קאָנען אויפהויבן דאָס געמיט. אין די אפאָריזמען און תורה ווערטער פון רבי מענדעלע פון קאָצק, איז נאָך אלץ דאָ די פארטיפטע יידישע מחשבה פאר אלע דורות. אין לעבנסוועג פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, זיינען נאָך אלץ פאראן גרויסע ביישפּילן וואָס דער יידישער מענטש דארף נאָכפאָלגן.

****

און אין די שיטות ,וואָס זיינען אנטוויקלט געוואָרן אין פשיסכע,צי אין וואורקע,אין גער אָדער אין אלעקסאנדריע,איז נאָך אלץ דאָ נארונג פארן יידישן גייסט.אָבער מער ווי דאָס.די לערער פון חסידיזם,געטריי צו דעם וועג וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פון איר באַשעפער,רבי ישראל בעל שם טוב,האָבן נית בלויז געשריבן תורה אָדער געוואָרפן געדאנקען, זיי האָבן אליין ,מיט זייער לעבן באוויזן,אז חסידיזם איז ניט און טאָר ניט בלייבן בלויז א שיינע טעאָריע,נאָר,אן אויספירבארער לעבנס שטייגער פארן יידישן מענטש אין אלע צייטן.

רב איטשע מאיר פון גער,דער מחבר פון באריםטן ספר,„חידושי הרים" האָט געטייטשט די ראשי תיבות פון ישראל : רשפי אש שלהבת יה .... דאָס הייסט,פונקן פון פייער,דער פלאם פון גאָט.דאָס,האָט ער צוגעגעבן, איז אן אָנווייז פארן יידישן מענטש,אז א ייד דארף מען זיין מיט התלהבות און ברען,און טראָגן אין דער נשמה און אין הארץ דעם פלאם פון גאָט.

****

אין אונזער דור,וואו יידישקייט ווערט אָפט פארוואנדלט אין עטוואָס וואָס איז געפרוירן און קאלט,איז כדאי אויפצופרישן אָט די טיפע באדייטונג וואָס איז דורך חסידיזם געגעבן געוואָרן צום יידנטום און יידישקייט.

****

****

פראָפעסאָר מארטין בובער רעפערירט פאר צוקונפטיקע לערער

שעפפערישער מענטש און געשיכטע.

****

פון דר' שלמה ביקל

דער שעפפערישער מענטש קאָן ניט בלײבן שטײן בײם ברעג פון עפעס א געשיכטלאָזן ים און מוזן נעמען א שיף אף צו דערגרײכן ערגעצװאו א שטיקל היסטאָרישע יבשה אזוי װײט װי אף יענער זײט פון צװײ טויזנט יאָר.

דער גײסטיקער מענטש,אויך דער ײדיש-שעפפערישער מענטש,קאָן ניט לעבן אין אזא היסטאָרישער ענגשאַפט.דעם שעפפערישן מענטש מוז די היסטאָריע זײן אזוי נאָנט,אז ער זאָל קאָנען צו איר צוגײן צו פוס און גרײכן צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

און דער שעפפערישער מענטש קאָן זיך ניט באנוגענען בלויז מיט די עכאָס פון קולות פון יענער זײט ים פון א װײטער,רומפולע געשיכטע. זײן געמיט און זײן אויער נויטיקן זיך אין די שטימען פון דער היסטאָרישער נאָנט,כדי צו קאָנען זײן אף אן אמת אינדערהײם,אינדערהײם בײ זײן פאָלק און זײן לאנד,און אויך בײ זיך אלײן,אין זײן אײגענעם איך.

****

גאולה איז ניט קײן נסיעה פון איבערנאכט,װאו דער פאָרער נעמט מיט אין טשעמאָדאן בלויז דעם אָדער יענעם טײל פון זײן היסטאָרישער גארדעראָבע,װאָס געפעלט אים גראָד בעסער.גאולה,פאָליטישע און קולטורעלע,און בבן אויך מדינה אויפקום,איז א יאזדע אין דעם געדויער פון צײטן.און א פאָלק נעמט מיט אף אזא רײזע דעם גאנצן היסטאָריש-גײסטיקן באגאזש.

****

ישראל און די גולה זײנען קײנמאָל ניט געװען קײן געגט פאָר פאָלק.און מיר זײנען ניט בארעכטיקט צו האָבן די קאָמפלעקסן פון קינדער פון צעשײדטע טאטע און מאמעס.

****

פאר דער מאָראל איז אומעכטקײט-א זינד:

פאר דער קונסט איז עכטקײט-א דערגרײכונג.

****
****
*****

(פון בוך:שרײבער פון
מײן דור)

(סוף פון לעצטן נומער)

י.ם.װײסענבערג

פון ישראל שטערן

נאָך בולטער זעט זיך עס אין דער נאָװעלע״די משוגענע אין דאָרף״. דאָס איז א גבורהדיקע דערצײלונג.די שטארקײט ליגט אין איר אָריגיננאליטעט. זי איז נײ מיט איר אומהײמלאכקײט.משונהדיק װירקט די נאָװעלע מיט דער נאטירלאכער אומנאטירלאכקײט.דאָס איז א צונױפבאהעפט פון נאטוראליזם מיט געשפענסטקײט.און דער געשפענסט איז אזױ ממשותדיק,אז אלע גשמיותדיקײטן נעמען אױסזען בײזגײסטעריש.דיר דאכט זיך,אז געשפענסטפרײער װינקל איז איבערהױפט ניט בנמצא...

xxxxxxxxx

און װײסט איר,פונװאנען עס נעמט זיך צו אונז אזא געפיל?דערפון, װאָס דאָ װערט דער געשרײ ניט בלױז פארענדיקט מיט דעם טריאומף פון דער אלץ איבערלעבנדיקער שטילקײט, נאָר באלד לכתחילה איז דער רעש ארײנגעשטעלט װי א שיף אין מיטן ים פון שװײגן.

און אינמיטן פון דער בלױער, לײכטבאזילבערטער,אָטעם־אײנהאלטנדיקער װײטקײט רײסט זיך ארײן א געשרײ.

א דאָרף איז בײטאָג אױך שװײגנדיק: א נאכט איז אין שטאָט אױך שטיל און ערשט א געשרײ א יאָמערלאכער אין שפעטער טיפער נאכט אין א דאָרף־װי װילד,װי דערשרעקנדיק ,װי פרעמד װעלטיש...

און די קולות גײען פון די אױגן,װאָס שפריצן מיט גיפט:פון ליפן, װאָס שױמען פאר רוגזה.עס איז מער װי קולות מען שלאָגט.מיט טריקענע שטריק אין צװײען אײנגעלײגט קאטעװעט מען.דער שלעגער,א מאמע, די געשלאָגענע־א טאָכטער,א דערװאקסענע,א חתונה געהאט.און די שטריק געפונען ניט קײן פאסיקערן פלאץ אף טעטיקײט װי דװקא דאָס שטיבל, װאו די טאָכטער ליגט אין אײן בעט און איר מאן אין צװײטן.און די עקזעקוציע איז א שטראָף פאר עקשנות. דאָס ײנגע װײבל איז שױן אכט װאָכן נאָך דער חתונה און זי לאָזט ניט צו דעם מאן צו זיך...

xxxxxxxxxxxx

איז דאָס א טעמע װײט ניט קײן באנאלע.זי איז שױן עטװאָס

צו אָריגינעל...אָבער נאָכניט דערמיט ענדיקט זיך.די אלטע מוטער רײסט די פערענע פון דער טאָכטער,האקט אכזריותדיק אין דעם ײנגטאָכטעריש ײנג' נאקעטן לײב שרײענדיק:„א זינד...א זינד..פון איטלאכן מאָל אויפהאלטן װערט באשאפן שדים..שדים פארברענען..װארפן אין כף-הקלע...הערסט,טאָכטער,דעם שװארצן סוף,װאָס דו װעסט האָבן...“-מילא,די שדים,זײ זעט מען דערװײל ניט.מען זעט אָבער דעם פורמאן-ײנג װאָס האָט אונטערן װענטל אלץ אונטערגעהערט,און ער רײסט אויף דאָס טירל,מאכט דאָרט אָן א חורבן,פאָרט ארײן מיט בײדע פורמאנישע ידים אין פנים פון דעם װײבלס מאן,באגיסט די פאָדלאָגע מיט בלוט,און װען מען רײסט אים ניט אװעק,װאָלט ער אים אינגאנצן דערהרגעט.

באמת,אזא טעמע איז אביסעלע צו אָריגינעל.זי קאָן אָנמאכן א חורבן נאָכמער װי דער פורמאן-ײנג...די דאָפלטע געשרײען,די דאָפלטע קלעפ,די דאָפלטע קרבנות,די אָפענע עראָטיק,די ברוטאליטעט,די מעלאָדראמע לויערן דאָ אף יעדן טריט.ניט אײן שריפטשטעלער װאָלט פון אזא מאָטיװ ארויס מיט א צעבראָכענעם רוק און לענד.

xxxxxxxxxxx

אָבער װײסענבערג איז א מופקר אין דער דיכטונג זײן קונסט זוכט אויס די ריזיקאלישסטע װינקלען.הארמידערס,קװיטשערײען,געטומלס,שענדלאכקײטן,זידלערײען,גראָבקײטן,שעלטערײען מיט אלע זײערע רעזולטאטן, װי פײניקונגען און שלעגערײען(די געשיכטע פון האקן מיט א שטריק איבער אומבאהאָלפענע פלײצעס חזרט זיך איבער אין עטלאכע דערצײלונגען: פארגלײך אפרימס שלאָגן קרײנדעלן-)דער דיכטער האָט זײ ליב.דעם עקשן װײסענבערגן װערן געפעלן זײערע פארביסנקײטן און אײנגעשפארטקײטן. און זײ װידער צאָלן אים אָפ מיט געטרײשאפט.גלײך זײ װאָלטן לאנג אף אים געװארט,בוקן זײ זיך פאר אים,שטרעקן אויס צו אים די הענט און גרינג װערט ער זײער באזיגער...

און מאָדנע,װי נאָר ער באזיגט זײ,הערט אויף זײער עקזיסטענץ... גלײך װי דער דיכטער װאָלט מיט די שרײעדיקײטן אזוי אײנגעטענהט: איר זײנט געקומען נאָר װי מיטלן פאר דעם קינסטלערישן מענטש. קײן צװעק פאר זיך אלײן זײנט איר ניט.איז אײער אויפגאבע דערפילט,האָט

איר ניט מער האפט װי אן עבאָ נאָך א גערויש,װאָס װעט זיך באלד אויסלעשן.װי טריט-שפורן נאָך אָפּגעגאנגענעם װעג,װאָס װעלן זיך באלד מיט שטויב פארװײען:װי א נשמה,נאָכדעם װי מהאָט דעם גוף ארײנגעלײגט אין דער ערד...און װילט איר װײטער לעבן,לעבט איר װי געשפּענסטער. העכסטנס,קאָן מען זיך פאר אײך שרעקן..

בײם לײענען״די משוגענע אין דאָרף אינטערסירט אונז ניט פיל די מעשה,װאָס דער בעל עגלה דערצײלט זײן פּאסאזשיר מכח דער סיבה פון זײן ארײנמישן זיך אין דעם משפּחה-סיכסוך. באַטש די מעשה איז א שײנע,דער מאָנאָלאָג א רײרנדיקער,מיט פאָלקסטימלאבן חן,מיט לירישער װאָרהאפטיקײט.

צושמידן אונז צו זיך איז מסוגל דער שלאָג-און -פּאטש און געשרײ-און כעס-און-בלוט ספּעקטאקל.אמײנסטן שעפּערישע ענערגיע האָט װײסענבערג דאָרטן ארויסגעבראַכט.

און ניט קוקנדיק דערויף,װערט אָט די סצענע אװעקגערוקט,פארבױגן, טוקנדיק זיך,פאלנדיק,אונטערגײענדיק אין דעם אומענדלאבן שװײגן פון די װײטע שטערן און װײטע פעלדער.

װעגן דעם ספּעקטאקל האָבן מיר ניט קײן חשק צו טראכטן.אפן פאָן פון דער אײביקער גרויסער ארומיקײט װירקט ער פּחדימדיק, אומהײמלאך, גײסטערהאפט,דער בײזער גײסט.

געבליבן איז דאָס דאָרף,געבליבן איז די נאכט.און װאָס איז א געשרײ אין מיטן בלויער טיפער דאָרפישער נאכט ?א שיף אפן ים..

* * *

איבער װײסענבערגס בעסערע און גרעסערע דערצײלונגען טראָגן זיך אין דער לופטן,װי גרויסע שװארצע פײגל,הילכיקע צאָרנדיקײטן,שרײענדיקײטן.

אָבער מענטשן שרײען דאָך ניט אומזיסט.אין א ײדישן שפּריכװאָרט איז דער כלל:״קײנער שרײט ניט,אוי,אז עס טוט אים ניט װײ.״

אויב װײסענבערגס העלדן לאָזן זיך הערן אף העכערע טענער,װילן זײ דאָך עפּעס,ברענגען זײ דאָך צום אויסדרוק זײער אנדערשבאנעמען,זײער אומװילן,זײער מרידה.דאָס ניט קאָנען פארשװײגן,דאָס מוזן ארויסשרײען האָט שטענדיק אין זיך רעװאָלט.מײן איך טאקע צו באַרירן א פראגע?

כאָטש אײן רגע,אז זײן דעמאָנסטראציע איז עלול עפעס אויפצוטאָן, עפעס צו ענדערן?בשום אופן ניט.

זײן האנדלונג איז אן אויפשטאנד,נאָר אן אויפשטאנד קעגן א מאָנארך, װאָס איז געשטאָרבן שוין מיט עטלאכע דורות צוריק,און הײנט הערשן איבער זײן לאנד מושלים,אָן אנדער רעזשים...

אָדער די אלטע ײדענע,װאָס שטראָפט און געװאלדעװעט און קלאָגט און שלאָגט איר ײנגע אויסגעגעבענע װידערשפעניקע טאָכטער,גלויבט אײגנטלאך אלײן ניט,אז זי װעט עפעס קאָנען העלפן.מען הערט עס ארויס פון איר אויסרוף:„לעב אָדער שטארב„!אָבער שװײגן איז ניט פאר אירע כוחות. זי מוז ליארעמען,זי מוז זיך בונטעװען קעגן„זינד און שדים„בײ איר אין שטוב.אָבער עס איז א רעװאָלט אָן סוף,אָן מינדסטער פעסטקײט בײ זיך,דער עיקר,אָן גלויבן אין עפעס.

xxxxxxxxxxxxxxxxx

און קרײנדעלע,װי גערעכט איז זי!באגנבעט האָט מען זי.אומפארשעמט באגנבעט.אפרים,דער תבואה סנחר,מאכט זיך פאר א בעל־טובה און הײסט דאָס װײב זאָל ארײנעמען די אָרימע קרײנדעלן צו שלאָפן.בײנאכט שארט ער ארויס דאָס גאנצע צונויפגעבעטלטע געלט פון איר זעקל און לײגט אהין ארײן שטיקלאך גלאָז און שטיקלאך פאפיר.שװײגט זי ניט.זי טוט דאָס אײגענע,װאָס אין אן אנדער דערצײלונג טוט ר/סאָטקע.זי נעמט אויך א שטײן און װארפט אין אפרימס שויבן.נאָר װעט זי דען עפעס פועלן? אפרים,אן אָנגעזעענער בעל הבית אין שטאָט.קרײנדעלע,א האלב משוגענע בעטלערן,װער װעט דאָס גלויבן אזא מעשה.און בכלל,װאָס געלט,װען געלט װיפיל געלט?קײנער װײסט עס ניט,זי אלײן אויך ניט.הכלל,א נעכטיקער טאָג.קײן שפור פון א תועלת װעט דערפון ניט ארויסקומען. זי שטורעמט. נאָר פון דעם שטורעם װעט זיך גאָר ניט אײנברעכן...

סײדן א מיזראבעלע שויב. האָט ער א דאגה אפרים.ער האָט געמאכט א בעסער געשעפט.בפרט,אז ער דערלאנגט איר נאָך מיט א שטריק איבערן לײב.

xxxxxxxxxxxxxxxxxx

װײסענבערגס העלדן האלטן אין אײן ברויזן,אין אײן שוימען,אין אײן קולות מאכן,אין אײן דראָען,אין שטעלן זיך תקיף,און אָנװענדן אפילו

װאָס װארפט זיך אָן פון זיך אלײן.דהײנו,צי איז װײסענבערג א רעװאָלוציאָנער ?

איך שרײב דאָס ארטיקל פאר א דורכאוים דעמאָקראטישן זשורנאל.און װען איך זאָל אַף דער געבראכטער שאלה ענטפערן פאָזיטיװ,װאָלט איך בײ די לײענער שטארק אויסגענומען.לײדער!איך קאָן זײ ניט צוליב טאָן.פארגװאלדיקן דעם אמת־אויך דאָס איז ניט דעמאָקראטיש. יעדע בונטארישע נאטור איז אן אָפטימיסטישע נאטור.קײנער שטעלט זיך ניט אנטקעגן מיט געבײלטע פויסטן בלויז מיט דער כװנה יוצא צו זײן די מצװה פון צעבונטעװעטקײט.אויב בײ אסך איז זײער ניט באליבט די לאָזונג„קונסט צוליב קונסט”דארף זײן נאָך פוסטער און לעכערלאכער „קאמף צוליב קונסט”.א רעװאָלוציע האָט דעם אומדערשיטערטן גלויבן, אַז שטורמישע מיטלן זײנען די װײסע שטײנער אַף דעם קורצן שאָסײ,װאָס פירט צו דער פארװירקלאכונג פון איר אנדערש־װעלן.

xxxxxxxxxxxxxxx

װײסענבערגס פארשוינען שטורעמען,אָבער גלויבן ניט,אַז עפּעס װעט זיך אײנברעכן.זײ שרײען ניט ארויף,נאָר אראָפּ־זײ שרײען זיך אראָפּ פון הארץ.

פון דעם װאָס איז,זײנען זײ אַזוי אומבאפרידיקט,אַזוי באלײדיקט,אַזוי דערשלאָגן,אַז זײ װאגן ניט צו זוכן דאָס,װאָס זאָל זײ באפרידיקן.

קײנער האָט ניט דאָרט דעם באװאוסטזײן פון דעם נוצן,װאָס דאָס געשרײ װעט ברענגען,נאָרשרײען מוזן זײ,קאָנען ניט אנדערש

איר געדענקט ר/ מאָטקען?גערעכט איז זײן כעס אַף דעם גביר ר/פתחיה. יענער האָט מאָטקעס משפחה בדלות געשטעלט,פון זײן ברודער א תל געמאכט,מאָטקען אלײן רואינירט.קאָן ער דאָס פארשװײגן?נײן!װאָזשע טוט ער ?חויבט ער אויף א שטײן און װארפט ארײן אין ר/פתחיהס שטוב. װאָלט עס װירקלאך געװען א פראָטעסט אקט.איז אָבער די מעשה,װאָס ר/ פתחיה איז שוין לאנג טויט.די שטוב איז שוין לאנג פון קײנעם ניט באװאוינט.די פענצטער,װאָס האָבן די זכיה אויפצונעמען די שטײנער, זײנען קײן פענצטער ניט,נאָר אויסגערונענע פינצטערע אויגן־לעכער. טײל ארומגעבראָכן,טײל מיט ברעטער פארקלאפּט.פון דער גאנצער שטוב איז אן עלענדע פוסטקע געבליבן.און אָט קעגן אָט דער חורבה פארמעסט זיך ר/מאָטקע מיט זײן אויפגעבראכטקײט.צי פאלט אים אײן

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

פיזישן געװאלט.און כאָטש דאָס אלץ װערט נאָך געשטיצט מיט דער גערעכטיקײט אַף זײער זײט-פונדעסטװעגן װערט פון דעם גאָר ניט.קײנער פון זײ פירט ניט אויס זײנס,גלויבט ניט אין דער מעגלאכקײט פון אויספירן. עס איז א רעװאָלוציע צוליב רעװאָלוציע.

xxxxxxxxxxxxx

נאטירלאך,עפעס דערגרײכן זײ יאָ,די אלע שרײערס.אלע אײנס װי אומעטום זײנען אויך זײערע געװאלדן און יללות פארמאסקירטע בענקשאפטן נאָך שטילקײט.און זי באװײזט זיך ענדלאך.

אָבער ניט זײ האָבן זי געבראכט. זי מוז קומען,די שטילקײט.א מענטש מוז זיך מיט איר באגעגענען אקוראט װי ער מוז זיך צונויפטרעפן מיט טרערן און מיט טויט.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

עטלאכע װערטער פון לײװיקס ארײנפיר צו ישראל שטערנס בוך:

„יאָ,ישראל שטערן דער דיכטער האָט אויך זײן פערזײנלאך לעבן דורכגעטראָגן,אזוי פיל איך,אונטערן שארפן צײכן פון קאטאסטראָפע,און אויך אזוי האָט ער געאנט דעם גאנג פון דער װעלט און פון אונזער פאָלק.ער האָט געשפירט די אָנקומענדיקע טויט-פײערן לאנג,לאנג אײדער נאָך זײ האָבן זיך אָנגעצונדן.ער האָט זיך געשטיקט אין אנגסטיקע פינצטערנישן ,אײדער נאָך די גרויל-נעכט זײנען אָנגעקומען....״

xxxxxxxxxxxxxxx

די דאָזיקע טיפע,אײגנארטיקע אָפשאצונג פון אונזער י.ם.װײסענבערג, איז איבערגעדרוקט פון ישראל שטערנס בוך,רעדאגירט פון ה.לײװיק. ארויסגעגעבן פון ל.מ. שטײן פאָלקס ביבליאָטעק בײם ציקאָ.

xxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxx

שפריכווערטער פון בן שלום
ישראל

שפריכווערטער בײ ײדן געפונען מיר שוין אין די גאָר אלטע צײטן. א משל, א קורצער זאָג וואָס האָט אין זיך א וועלט מיט חכמה. א משל וואָס לערנט, א קורץ מעשהלע וואָס פאַרמאָגט לעבנס װיזהײט, איז ניט קײן נײעס בײ אונזער פאָלק. א שפריכוואָרט האָט אויך דעם ספּעציפישן חן, די חן גריבעלאך פון פאָלק. ניט שטענדיק קאָן דער פשוטער מענטש אויסדריקן, דערקלערן די שווערע תורה, דערפאר, דער קורצער, עקזאַקטער זאָג וואָס אין קורצע געצײלטע ווערטער, זאָגט זיך א וועלט, וואָס דער פשוטער מענטש קאָן פארשטײן:

מען זאָגט ניט אוי וויי־ אז עס טוט ניט וויי.

א מענטש איז געגליכן צו א שנײדער... א שנײדער שטארבט, א מענטש אויך שבת גערײדט... איז פיר וואָכן פרײ.

מיט א משפחה, איז גוט קוגל עסן, אָבער ניט אף אײן טעלער.

בײ א שווערן וואָגן, איז גוט צופוס צו גײן.

מלערנט זיך שכל ביז זיבעציק... און דאן שטארבט מען א נאר.

בעסער מיט א קלוגן צו פארשפילן ווי.. מיט א נאר צו געווינען.

אז מען לעבט מיט חשבון, שטארבט מען מיט וידוי.

ווען דער נאר איז ניט מײנער, וואָלט איך אויך געלאכט.

א נאר איז א האלבער נביא.   ניט דאָ קײן אָרים קהל.

גאָט זיצט אויבן און פאָרט אונטן...   אלײן, די נשמה רײן.

א גאנץ יאָר שכור, פורים ניכטער.   נויט ברעכט אײזן.

שטיל וואסער גראָבט טיף.   אן עקשן נאָך ערגער פון א -
משומד.

מיט האָפן, ווערט די צײט אנטלאָפן.

פארן טײוולס וועגן, איז שטענדיק דאָ. א ײד אנאר, ערגער ווי א גוי רוצח.

דער בונטאר פון דער ײדישער ליטעראטור.

לעאָ קעניג

דער פוילישסטער אפשר פון אלע פויליש־ײדישע שרײבער איז װײסענבערג געװען.מיט זײן טעמאטיק־דעם פויליש ײדישן־שטײגער,מיט די טיפן און מאָטיװן,װאָס ער האָט באשריבן,און נאָך מער:דער פוילישסטער צוליב זײן פאנאטישער כמעט איבערגעגעבנקײט און געטרײשאפט דעם פוילישן ײדנטום,דער פויליש ײדישער ליטעראטור,דעם פויליש ײדישן ײדיש.... װי ער האָט אלס פויליש ײדישער קינסטלער געאײפערט און געצײכנט װען ער האָט געזען,װי זײנע עלטערע און ײנגערע קאָלעגן קינסטלער,אין װעמעס טאלאנט ער האָט געגלויבט,פארלאָזן די פוילישע ערד,דעם פויליש ײדישן שטײגער,פון װעלכע זײ זײנען אויסגעװאקסן,און לאָזן זיך זוכן גליקן(קינסטלעריש פאלטשע)אין דער גרויסער װעלט,צי אפילו אין דעם „גרויסן ײדישן גלות.

דער פוילישסטער ביז לאָקאלן פאטריאָטיזם,ביז פראָװינציאליזם אָפט,װײל ער האָט געגלויבט און געפילט(און זײער ריכטיק)אז א קינסטלער קאָן גוט און װערטפול מאָלן און באשרײבן נאָר דאָס לעבן, אין װעלכן ער איז אײנגעװאָרצלט,פון װעלכן ער איז אויסגעװאקסן.

איז אָבער דער זעלבער װײסענבערג לויט זײן טעמפעראמענט גאָר דאכט זיך,קײן פוילישער ײד ניט געװען.אין אינהאלט,אין זײן טעמאטיק,און לויט זײן קינסטלערישן פאטריאָטיזם,לאָמיר עס אזוי אָנרופן, איז ער געװען דער פוילישסטער פון אלע פויליש ײדישע שרײבער,אָבער זײן טעמפעראמענט איז אזוי װײניק,כמעט גאָר ניט פויליש ײדיש געװען.

איך האָב שוין אמאָל,דאכט זיך,געזאָגט,אז טעמפעראמענטאל און טעמפעראמענט איז סטילן־איז װײסענבערג געװען א ליטװאק־א„צלם קאָפ„ אויב עס איז אצינד דערלויבט זיך אזוי װאולגאר אויסצודריקן.

װײסענבערג װאָס האָט אזוי פײנט געהאט און געקעמפט מיט די „ליטװאקעס„־מיט אָט די האלבע אינטעליגענטלאך און בעלי־דקדוק, מיט אָט די דריטל און פערטל טאלאנטן,װאָס מײנען אז זײ קאָנען אלץ

און פארשטײען ניט װי אָרגאניש מען דארף זײן צוזאמענגענומען מיט מיט יעדער קינסטלערישער טעמע,מיט יעדער געזעלשאפטלאכער ארבײט,איז אלײן בטבע געװען,דוכט מיר,א הארטער ליטװאק.

שוין זײן פנים איז ניט געװען דאָס פנים פון א פוילישן ײד.עפעס סלאװיש אזיאטישעס איז געװען אין די שטריכן פון זײן פנים.ער האָט געכאפט דעם אָנבליק פון א״קאלמיק״אָדער ״קאָזאק״צוליב די װײט צעשײטע קינבאקן אפן מוסקולעזן געזיכט.אלנפאלס,ער האָט ניט אויסגעזען װי אן עכטער פוילישער ײד.

****

װאָס נאָך פיל װיכטיקער און כאראקטעריסטישער,אויך אין זײן אופן שרײבן,אין זײן סטיל איז ער געװען,קאָן מען זאָגן, מער רוסישער,װי פוילישער ײד. ניט קוקנדיק אף זײן גרויסער ליבשאפט און אכטונג צו פרץ און אף דער גרויסער דירעקטער השפעה,װאָס פרץ האָט אף אים געהאט געהער אָבער װײסענבערג מער צו מענדעלעס״חדר״װי צו פרץס.

װײסענבערג איז שטענדיק אכזריותדיקער,מענטשלאכער,דירעקטער און קאלטער צוגעגאנגען צו א טעמע,באשרײבן א שטיק לעבן,װי דער רוב פויליש־ײדישע קינסטלער און שרײפטשטעלער.

װײסענבערג האָט געהאט,אָדער זײער װײניק געהאט פון אָט דעם,דאכט זיך,כאראקטעריסטיש פויליש ײדישן סענטימענטאליזם־פאלטשן אָדער אמתן פאטאָס.אויב עס איז אמת די גענעראליזאציע,אז דאָס פוילישע ײדנטום האָט מער ״לחלוחית״־איז מער פאָעטיש װי דאָס רוסישע ײדנטום,דאן איז אמת,אז װײסענבערג,ניט״דער פוילישסטער פון אלע פויליש ײדישע - שרײבער״איז בטבע,טעמפעראמענטפול געװען א "ליטװאק״א רוסישער ײד.

דאָס פוילישע ײדנטום איז טעמפעראמענטפול חסידיש,דאָס רוסישע ראציאָנאליסטיש מתנגדיש. און װײסענבערג אלס קינסטלער איז געװען א מתנגד,ניט קײן חסיד.ניט קײן ראָמאנטישער רעאליסט,װי דאָס רוב פויליש ײדישע דערצײלער און נאָװעליסטן.

פאטאָס און ליריזם זײנען קינסטלערישער חסידיזם.קאָן מען זאָגן, סאטירע און פלאסטיק זײנען קינסטלערישער מתנגדיזם.און װײסענבערג, אין זײנע בעסטע דערצײלונגען איז קודם כל,א פלאסטישער רעאליסט.

עס איז ניט קײן אײנפאל און ניט קײן צופאל:קײנער פון די הײנטיקע ײדישע שריפטשטעלער איז אזוי ניט קינסטלעריש קרובהש מיט װײסענבערגן װי דװקא דער רוסישער קרעפטיקער דערצײלער־איסאַק באבעל.

עס איז שוין אסך מאָל געזאָגט געװאָרן:װײסענבערג האָט געשריבן־דער קינסטלערישער װײסענבערג,און ניט דער מחבר פון דער אָדער יענער דער־צײלונג־װי א סקולפּטור האקט זײנע פיגורן־מיט א האמער און סטאמעסקע אין די הענט:און ניט מיט רוח־הקודישדיקע פארגלאָצטע אויגן און א גענזענער פעדער,װי ער װאָלט אפשר אלײן געזאָגט.

* * *

ער האָט אטאקירט א טעמע,און ניט געמאכט פאלטשע שטיק,ניט ״געדרײט זיך אפן קאָרעק״ניט געהנדלט זיך מיט טעמעס...

ער איז געװען,קאָן מען זאָגן,א מענלאכער קינסטלער־װײסענבערג איז געװען ״ניט ציװיליזירט״װי עס איז״ניט ציװיליזירט״ א רוס לגבי א פאָלאק: א רוסישער ײד לגבי א פוילישן ײד.

* * *

װאָס איז ציװיליזאציע,אויב ניט די פעאיקײט צו מאכן פשרות, קאָמפראָמיסן,די פעאיקײט צוצופאסן זיך און לאָקירן זיך עלעגאנט און באקװעם...?

****

ציװיליזאציע איז אפשר ניט מער,װי א דינע גלאטע הויט,אָבער װי נויטיק און נוצלאָך זי איז,פילן מיר אלע אין דער איצטיקער קריטישער צײט,װען פעלקער רײסן פון זיך אראָפּ,אָדער שײלן פון זיך אָפּ די הויט־די,אלטע ציװיליזאציע־װען דאָס גאנצע איצטיקע לעבן איז בלוטיק,רוי און פארװאונדעט...

אָבער אויב אין געזעלשאפטלאכן לעבן איז ציװיליזאציע א נויטיקער געזונטער עלעמענט,איז עס אָבער ניט די אײגנשאפט פון אן אמתן קינסטלער,פון א שריפטשטעלער פון בארוף.

װען א שריפטשטעלער,קינסטלער איז דורכאויס ציװיליזירט און מאכט שטענדיק קאָמפראָמיסן מיט דעם לײענער און מיטן לעבן ארום,איז דאָס דער בעסטער באװײז,אז ער האָט ניט װאָס צו זאָגן,אז זײן סאָציאלער און קינסטלערישער געװיסן איז צו שװאך און ער איז ניט אינטערסאנט.

ער לערנט ניט און װײזט ניט.

װײסענבערג האָט געקאָנט זײן ראפינירט ,אָבער ציװיליזירט.

ער האָט דאָס ניט געקאָנט, װײַל ער האָט צופיל געשפּילט און געגלויבט אין זײַנע אײגענע, נאַטירלעכע כּוחות, װײַל עס איז געװען קעגן זײַן ״ניט פּולישער״ נאַטור. און ער האָט אָט די ספּעציפישע ״ציװיליזאַציע פעאיקײטן״ באַקעמפט אַפילו בײַ די עלטערע און ײַנגערע קאָלעגן זײַנע, װעלכע ער האָט ליב געהאַט, װײַל ער האָט געגלויבט אין זײערע שעפּעריש פעאיקײטן.

װײַסענבערג איז געװען ניט ציװיליזירט. ער איז געװען צו באַדײַטנדיק אַלס קינסטלער, ער זאָל זיך לאָזן פאַנגען אין דער גאָלדענער שטײַג, אין װעלכע אַזױפיל קינסטלער, ײדישע און ניט ײדישע־װערן דערשטיקט, שעפּעריש אימפּאָטענט. *********

דער פּױלישסטער לויט זײַן פאַנאַטישער כּמעט געטרײַשאַפט און איבערגעגעבנקײַט צו דער פּױלישער ערד, דעם פּױליש ײדישן שטײַגער, פאָלקס מענטש און פאָלקס שפּראַך, איז ער אָבער בטבע, טעמפּערענטאַל געבליבן כּמעט דער אײַנציקער״ניט ציװיליזירטער״פּױליש ײדישער קינסטלער.

און אָט די כאַראַקטער שטריכן װײַסענבערגס אַלס מענטש און קינסטלער מאַכן אונז קלאָר און פאַרשטענדלאַך פאַרװאָס װײַסענבערג איז געװען דער גרױסער״בונטאַר״אין אונזער ײַנגער ליטעראַטור. ער האָט ניט געקאָנט צופּאַסן זיך, ער האָט ניט געקאָנט פּשרות מאַכן: עס איז געװען קעגן זײַן קינסטלערישן געװיסן און דערװידער זײַן נאַטור.

ער איז געװען צו עכט אַלס קינסטלער, און ער איז געבענטשט, אָדער געשטראָפט מיט דער״אומרו (ער װאָלט ניט ליב געהאַט װען איך זאָג, ״הײליקער אומרו״) און ער האָט געמוזט קעמפן קעגן דער״קאַזאָנטשינע״ די פּסײדאָ טאַלאַנטן, און דער ניט אויפריכטיקײט, מחלות, פון װעלכע ליטעראַטן לײַדן און קעגן װעלכעס עס מוזן אויפשטײן די װײַסענבערגס און קעמפן. ער האָט אָפט געקעמפט װילד. ניט נאָר ציװיליזירט, נאָר אַפילו װי א ״באַרבאַר״. אַפילו די נאָענטסטע האָט זיך אָפט געדאַכט, און ער אַלײן האָט עס לעצטנס אפשר אָנגעהויבן פילן, אַז די בעסטע קריטיק איז געזונטע פּאָזיטיװע אַרבײַט. *******

אַפילו זײַנע נאָענטסטע פרײַנט האָבן אָפט באַדויערט, װאָס אָט דער דאָן קיכאָט אונזערער, פאַרשװענדט גרױסע, שעפּערישע כּוחות אין א קאַמף מיט נישטיקע װינטמילעכלאַך.

אָבער,בכלל גענומען,איז זײן קאמף געװען נױטיק:נױטיק און נוצלאך,
װי זײנע פּאָזיטיװע שאפונגען.

אויב עמיצער האָט רעפּרעזענטירט דאָס געװיסן פון דער ײדישער ליטעראטור פאר די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר--איז דאָס מער װי עמיץ געװען װײסענבערג.

און ײדישע שרײבער האָבן זיך צוגעהערט צו װײסענבערגן,אפילו װען ער האָט זײ װײ געטאָן.

און זײן קאמף װעט נאָך ברענגען פרוכט !

****

****

******

קלוגע װערטלאך פון באַרימטע מענטשן.

לעבן,איז שפּילן אפידל סאָלאָ אין פראָנט פון א פּארזאמלטן עולם,און לערנענדיק דעם אינסטרומענט בשעתן שפּילן.

לאָרד בײראָן

****

נאטירלאכער פארשטאנד(קאמאָן סענס)איז שױן גאָר נים אזױ נאטירלאך.

װאָלטער

דער װערט פון דער פרעסע איז־נים געטרױען דאָס געדרוקטע װאָרט.

סאמועל באָטלער

מײן אופן פון געלעכטער איז,צו זאָגן דעם אמת, דאָס איז דאָס קאָמישסטע אין אונזער לעבן.

זש בערנארד שאָ

****

די שטראָף פון א ליגנער איז,נים װאָס מען גלױבט אים נים,נאָר,װאָס ער אלײן קאָן נים גלױבן קײנעם.

****

****

****

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

חיים גרינבערג ע״ה

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

פון ד״ר שלמה ביקל

xxxxxxxxxxxxxxxxxx

װאָס מער צײט עס רוקט זיך אָפ פון יענעם שבתדיקן פרימאָרגן ערגיץ אין דער קאלענדארישער מיט צװישן פורים און פסח,װען חײם גרינבערג איז נאָך לאנגע װאָכן פון שװערע פיזישע יסורים געבליבן ליגן א פארגליװערטער אין די אָרימס פון טויט,אלץ בולטער און קלאָרער שטײט אויף פארן אינעװײניקסטן אויג זײן לעבעדיקע געשטאלט.

די טיפע װארימע שטים,װאָס איז אין די יסורים-װאָכן װי פארנעפלט געװאָרן,טראָגט זיך װידער אין פולער געלײטערטקײט צו אונזער אויער. דאָס לענגלאכע מיט גײסטיקער זאָרג שטענדיק באהעלטע פנים,װאָס איז אין די טעג פון פיזישער פײן װי פארטונקלט געװאָרן,שײנט װידער ארײן מיט זײן פולן ליכט אין אונזער געמיט.

עס װערן אין אונז פונדאָסנײ װאך חײם גרינבערגס לעבעדיקע רײד פון דער טריבונע און בײ הײמישע מסיבות מיט פרײנט.און ניט בלויז לעבן מיר איבער,און אפשר מיט מער אינטענסיװקײט װי דעמאָלט,די לעבעדיקע באזונדערקײט פון גרינבערגס אינטעלעקטועלער און מאָראלישער געשטאלט,נאָר עס צײכענען זיך פאר אונז אָן קלאָרער װי דעמאָלט אין די יאָרן פון זײן גופישער עקזיסטענץ,די עלעמענטן פון זײן גײסטיקער באזונדערקײט.

xxxxxxxxxx

חײם גרינבערג איז געװען אײנער פון די געצײלטער גרויסע רײדנער פון אונזער דור:ער איז געװען א שריפטשטעלער מיט אן אויסערגעװײנלאכן גלאנץ פון סטיל:ער האָט פארמאָגט א כוח פון שארפן געדאנקלאכן אנאליז:ער האָט װאונדערלאך באהערשט די קונסט פון דערצײלן בעל-פה און צום טײל,אויך בכתב,און זײן גערײדט און געשריבן װאָרט האָט געציטערט מיט לירישער װארימקײט און האָט געשפרודלט מיט ליכטיקן הומאָר.

xxxxxxxxxxx

אָבער די אלע אויסגערעכנטע מעלות װאָלטן נאָך אלץ ניט געװען אומשטאנד אװעקצוזעצן חײם גרינבערגן אין דער באזונדער

אינטעלעקטועל־מאָראַלישער נישע, אין װעלכער ער איז געזעסן, װי מיר האָבן דאָס געזאגט בײ זײן לעבן און זעען עס איצט אלץ קלאָרער נאָך זײן טויט.

אויסגעטײלט האָט זיך די געשטאלט חײם גרינבערג אין דער גאלעריע פון שײנע און װאונדערלאכע געשטאלטן פון אונזער דור דער־עיקרשט א דאנק צװײ אספעקטן פון זײן פערזײנלאכקײט.

דער ערשטער אספעקט איז געװען זײן קולטור־רײפקײט, און דער צװײטער־זײן מאָראַלישע לײדנשאפט, זײן בענקשאפט נאָך הײליקײט.

קולטור־רײפקײט מײנט ניט אזא און אזא מאָס פון װיסן אָדער אזא און אזא מדרגה פון לומדות.

דער ערודיט איז אין תוך ניט מער װי א קולטור־טרעגער, א נושא ספרים אפילו דעמאָלט װען די ספרים און מחשבות זײנען קאטאלאָגירט און גע־סדרט אין זײן קאָפּ לויט אלע פירשריפטן פון װיסנשאפטלאכער מעטאָדיק.

קולטור־רײף װערט דער מענטש פון װיסן װען עס לעבט און סאיז װאך אין אים א װעלט־אנשויאונג, די זעאונג פון א אידײאישער װעלט־גאנצקײט.

xxxxxxxxxxxx

װעלט־אנשויאונג איז אידענטיש מיט דער װיזיע פון גאנצקײט.

און יעדעס ביסל װיסן, יעדע געזעלשאפטלאכע קענטעניש און יעדער געדאנק הערט אויף אין ראמען פון װעלט־אנשויאונג צו פראװן לומדישן און טראכטערישן שבת פאר זיך.

בײם מאן מיט אן אײגענער װאכער װיזיע פון א װעלט־בילד גײט אלץ, װאָס ער האָט אָקאָרשט און אמאָל געלערנט, דורך דעם פילטער פון זײן גאנצקײט־זעאונג, און ניט עס װערט אײנגעאָרדנט אין דעם װיסן און געדאנקען־אלמער. פון זײן מוח, נאָר עס װערט געבוירן, נײ און אור־געבוירן אין זײן געמיט.

לומדים, ערודיטן און גוטע קעפּ, װאָס קאָנען חידושדיק מסביר זײן פרעמדע געדאנקען און אויך טראכטן און דערטראכטן אן אײגענעם געדאנק, זײנען ניט קײן זעלטענע דערשײנונג אין אונזער אזוי־גערופענער װעלטלאך־גײסטיקער סביבה.

בײ גרינבערגן אָבער איז דאָס װיסן, די ערודיציע און די מחשבה עלעהײ װי בײ א פארצײטיקן פרומען ײדישן גאון קײנמאָל ניט געװען

מחוץ פון זײן װעלט־בילד און דערמיט קײנמאָל ניט אויסער־מאָראליש. װי א פרומער ייִדישער בן תורה לעבט איבער די מורא פון אום־מאָראל בײ יעדן קער און װענד אין לעבן, אזוי האָט חײם גרינבערג איבערגעלעבט די פראגמענטישקײט פון זײן געזעלשאפטלאכער אידײע און ארבײט.

אונטערן שײַן פון אײגענער װעלט־בילד־זעאונג איז אינטואיציע פארטײ און אפילו פאָלק און מדינה ניט מער װי א טײל פון די װערטן, װאָס שטעלן צונויף די װערטן־גאנצקײט פונעם מענטש .

די מאָראלישע װעלט־זעאונג־ זי קאָן הײסן רעליגיע, פילאָזאָפישער - סיסטעם אָדער אפילו בלויז אזוי בלאס װי עטישע איבערצײגונג- געהערט צו דער ספערע פונעם אפסאָלוטן, בעת פארטײ, געזעלשאפטלאכע אינסטיטוציע און אפילו פאָלק און מדינה זײנען זאכן, װאָס קומען אויף און גײען אונטער אין גדר פון רעאליטיװקײט.

און װײל חײם גרינבערג האָט אזוי װאכיק און אינטענסיװ איבערגעלעבט אין זײן געמיט דעם חילוק צװישן די רעלאטיװע פראגמענטן און דער אפסאָלוטער גאנצקײט האָט עס געװײט מיט אזא מאָראלישן אומרו פון זײן געזעלשאפטלאכער ארבײט. (ער האָט דעם אונטערשיד דרײסט, קלאָר און צמצומדיק פאָרמולירט אין לעצטן יאָר פון זײן לעבן אין זײן עסײ: „זיבן טעזיסן װעגן שטאַט און רעליגיע".

חײם גרינבערגס געמיט איז געװען אומרואיק טאָמער נעמט א צײטװײליקער אספעקט פון זײן געפיל און מחשבה די אויבערהאנט איבער דער אויסשליסלאכער לאָיאליטעט, װאָס ער איז שולדיק דער אבסאָלוטקײט, דער גאנצקײט פון זײן װעלט־װיזיע.

סטיליסטיש, סײ בעל־פה און סײ בכתב, איז דער דאָזיקער אומרו געקומען צום אויסדרוק אין דער סקעפטישער פארטראכטקײט פון גרינבערגס װאָרט, אין דער עלעגישער קאדענץ פון זײנע זאצן און אסך מאָל אויך אין דעם טרויעריק־קלוגן שפּיל פון זײן ספור־המעשהדיקײט.

אין סטיל פון זײנע רײדעס און עסײען און אויך אין דעם נוסח פון זײן געזעלשאפטלאכער ארבײט האָט זיך גרינבערגס צװײפל (נוצנדיק הײנעס װאָרט) אויסגעצװײפלט, און זײן מאָראלישער אומרו האָט דורכגעמאכט אלע שבעה מדורי גיהנום פון צער און פײן.

אָבער הינטער דער סקעפטישער עלעגאנץ פון געשריבענער און גערײדטער פאָרם און הינטער דער פארזאָרגטער און רעזיגנירטער ארײנגעטונקײט אין געזעלשאפטלאכער ארבײט איז געשטאנען,בעסער געזאָגט,איז געגאנגען אן עקסטאטישער מאמין אין א בורא עולם,א גײער מיט אײנגעקלעמטע לוחות אין האנט און מיט אויסשליסלאכער לאָיאליטעט צו דער העכסטער אבסאָלוטקײט,װאָס אנטפלעקט זיך צום מענטשן אין דעם סוף־פסוק פון 28טן קאפיטל „איוב״:און ער האָט געזאָגט צום מענטשן: זע מורא פאר גאָט דאָס איז חכמה,און זיך אָפקערן פון שלעכטס איז פארשטאנדיקײט.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxx

חײם גרינבערגס געזעלשאפטלאכע אידײאישקײט און ארבײט זײנען געװען בחזקת פון יענער פראגמענטארישקײט,װאָס האָט פאר אים נאָר דעמאָלט געהאט א זין,װען מען קאָן איבער איר זיך אלײן און אנדערע דערפירן צו דער זעאונג פונעם גאנצן װעלט־בילד.

מלוכהשאפט האָט פאר חײם גרינבערגן ניט געקאָנט זײן קײן ציל.זי איז בלויז געװען א מיטל צו פאָלק און צו כנסת ישראל,א מיטל פון בציבורדיקן גאנג צו שדי אף דער ערד.

דאָס אויסנעמלאכע און אויפטרײסלנדיקע אין דער חײם גרינבערג געשטאלט איז געװען די פערמאנענטע אינטענסיװע איבערלעבעניש פון יראת הכבוד צו דער מיסטעריע פון מענטשלאך לעבן.ד״נתן וד/לקח. גאָט האָט „ארײנגעבלאָזן אן אָטעם פון לעבן״און קײנער אחוץ גאָט טאָר דעם אָטעם ניט אויסלעשן אפילו װען דאָס זאָל געטאָן װערן מיט דער שענסטער און אײדעלסטער כװנה פון רחמנות און ליבשאפט.

אינאײנעם מיט אָט דעם אפסאָלוטן דרך ארץ פארן מענטשנס לעבן האָט פון גרינבערגס בעל־פה און בכתב (זע זײן עסײ „מיתת נשיקה״) ארויסגעצערט א טיף רעליגיעזע באציאונג צו בן־אדמס פיזישע לײדן,עס האָט ארויסגעטרויערט דער באגער צו בארעכטיקן דעם מענטשנס יסורים און צו געפונען א זין אין זײ.

xxxxxxxxxx

װי פײנלאך־עבט און װאָר עס איז געװען אָט די געדאנקלאכע און רעליגיעז־עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש,דערויף זאָגט עדות דער אופן װי אזוי חײם גרינבערג האָט אף זײן קראנקן בעט מקבל באהבה געװען

די אוממענטשלאכע פיזישע יסורים,וואָס אים איז באשערט געווען איבערצוטראָגן.

צוזעענדיק די געדולט און הכנעה,מיט וועלכער גרינבערג האָט אין משך פון לאנגע וואָכן דורכגעליטן זײנע שווערע יסורים, האָט מען אָנגעהויבן פילן דעם אמת פון פסוק „כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח״(וועמען גאָט האָט ליב,שטראָפט ער).מען האָט געשפירט ווי „איבער דעם חולהס בעט רוט די שכינה״ און מען האָט געזעען ווי אין דעם קראנקנס אויגן מיניען זיך און פלעמלן טיפענישן וואָס״בלויז דער שמערץ אנטדעקט פאר אונז און וועגן וועלכע דער ניט געפרוואוטער האָט אפילו קײן אנונג ניט״,און־מען האָט פארשטאנען די זעלישע דערהויבנקײט פון דער ברכה,וואָס חײם גרינבערג האָט זי פאָרמולירט אין אן אנדערער עסײ ארום דעם ענין מענטשלאכע לײדן,די ברכה:

ברוך מתיר יסורים.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

אין שײן פון דער „הגשמה עצמית״,אין שײן פון די יסורים באהבה,וואָס חײם גרינבערג האָט דורכגעלעבט אף זײן קראנקן־בעט,באקומט דער אפאָטעאָז פון לײדן אין דער עסײ „מיתת נשיקה״ אן אנדערן גלי,א גלי וואָס ברענט העלער און טיפער ווי דער פלאם פון וואָרט און זעט ווײטער און וואָרער ווי די זעאונג פון געדאנק.

און דאָס אויסנעמלאכע און אויפטרײסלנדיקע אין דער געשטאלט פון חײם גרינבערג איז אויך געווען וואָס ער האָט ניט בלויז באגלײך מיט אלע מאמינים געחלומט וועגן הײליקײט,נאָר וואָס האָט אלע פסיכאָלאָגישע ווײסענישן צום טראָץ,געהאט דעם מוט צו לעבעדיקער פערזײנלאבער בענקשאפט נאָך איר.

xxxxxxxxxxxx

די דאָזיקע בענקשאפט,די התפעלות פאר פּאָטענציעלער און אוודאי פאר דער מינדסטער וואָר־רעאליזירונג פון הײליקײט,האָט ארויסגערײדט,און אפילו געצוימט ארויסגעשריגן פון גרינבערגס עסײען און פון זײנע פריוואטע געשפרעכן,סײ אין געדאנקלאכער פּאָלעמיק מיט אנדערע און סײ אין מאָראליש־אויטאָ־קריטישע איבערפרעגענישן מיט זיך אלײן.

xxxxxxxxxxxxxxxxxx

„שנים מהלכין בדרך״ (צוויי זײנען געגאנגען אין וועג) ברענגט די גמרא,און אײנער פון זײ האָט געהאט א קרוג מיט וואסער.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

װער פון זײ זאָל טרינקען און בלײבן לעבן ? בן פטורא האָט געדרשנט זאָלן בײדע טרינקען און ניט צוזען װי דער אנדערער שטארבט.

ר/ עקיבא האָט געפסקנט: חײך קודמין,דאָס הײסט אז דײן לעבן קומט פריער און דער אנדערער זאָל שטארבן.

גרינבערג האָט ארום אָט דער גמרא,װאָס איז פאר אחד־העמען געװען א יסודותדיקער בײשפיל פון ײדישן צדק,אויסגעמאָלן זיבן אנדערע מאָראלישע מעגלאכקײטן צװישן די „צװײ װאָס זײנען געגאנגען אין װעג

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

אלע זיבן מעגלאכקײטן זײנען,װי גרינבערג באצײכנט זײ, „טראגישע עפילאָגן,װאָס װערן ניט געלײזט,נאָר „אויפגעלײזט„ מיטן כוח פון טראגעדיע„. אָבער פינף פון די זיבן,װאָס גרינבערגס פאנטאזיע האָט פאר אונז אויסגעמאָלן,אָטעמען מיט בענקשאפט נאָך הײליקײט,מיט „חײ חברך קודמין„,און זײ זײנען פול מיט חלום ארויסצופירן דעם מענטשן מיטן כוח פון קדושה און פון מסירת נפש „פון זײנע גרענעצן און באגרעניצקײטן,פון די דלד אמות פון מענטש און צופיל מענטש„ (זע: זײן עסײ „גלײך און אומגלײך„װי אויך „מענטש און װאָס װײטער"?)

xxxxxxxx

בענקשאפט נאָך הײליקײט און קולטור־רײפקײט שעפן אװדאי ניט אויס די אינטעלעקטועל און מאָראליש פילפארביקע פערזײנלאכקײט פון חײם גרינבערג,אָבער מיר דאכט זיך,אז זײ זײנען די גײסטיק העלסטע ליכטער זײנע.זײ זײנען געװען די אויגן פון זײן נשמה.

XXXXXXXXXXXXX

די דאָזיקע עסײ געפונט זיך אין דר שלמה ביקלס ביכער: „שרײבער פון מײן דור". דאָס בעסטע װאָס מיר האָבן געלײענט װעגן דעם גרויסן ײד און מענטש,מײן לערער,ד"ר חײם גרינבערג ע"ה.

xxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxxxxxxxx

xxxxxxxx

דאָס לעבן אין קיבוץ

פון יהודה בן שלום

חיפה ישראל

* * *

א פאָלקס װיץ דערצײלט װי א ײד א „געגאָלעטער״, האָט אמאָל געפרעגט א ײדן מיט א לאַנג שניי װײסע באָרד: זאָגט מיר פעטערשי, װאוהין לײגט איר די באָרד בײנאַכט װען איר גײט שלאָפן, אונטער דער קאָלדרע, אָדער אף : דער קאָלדרע?, האָט דער ײד זיך פאַרטראַכט און געענטפערט, שוין א 50 יאָר װי איך שלאָף מיט דער באָרד און קײנמאָל זיך ניט פאַרטראַכט װעגן אײער פראַגע. װײסט איר װאָס, קומט מאָרגן פרי און איך װעל אײך שוין קאָנען ענטפערן. דאס זעלבע קומט מיר איצט אפן זין, װען איך דאַרף ענטפערן אלע מײנע פרײנט װאָס האָבן מיך געפרעגט װעגן לעבן אין קיבוץ. זײענדיק אין קיבוץ לעבן אזױפיל יאָרן האָב איך גאָר קײנמאָל ניט געטראַכט, אז מײן לעבן איז אנדערש, אָדער ניט אזױ נאָרמאַל װי דאָס לעבן פון טױזנטער אנדערע.

* * *

ספּעציעל איצט נאָך מײן רײזע אין די שטאַטן װי אויך אין די לאַטײנישע לענדער, װאו פרײנט האָבן מיך געפרעגט פאַרשידענע פראַגן װעגן קיבוץ, פיל איך איצט, אז דאָס לעבן אין קיבוץ איז װערט באַשרײבן צו װערן און דערקלערן עטלאַכע זאַכן.

א) א חבר אין קיבוץ, איז א קאָמפּאָזיציע, צוזאַמענשטעל, פון א ישראלדיקן ײד, און דערצו א סאָציאַליסט, װאָס גלויבט אין לעבן א קאָמונע לעבן, ער זעט זיך אלס א טײל פון א גרופּע יחידים, װאָס װילן לעבן א געזעלשאַפטלאַך לעבן, אף אלע געביטן: עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטלאַך און סאָציאַל. קודם כל, די באַפרײאונג פון יחיד פאַר זײנע טאָג־טעגלאַכע זאָרגן פאַר זיך און פאַמיליע און גלײכצײטיק זיך אויסלעבן אף אלע געביטן אף אן אופן װי דער קאָלעקטיװ באַשטימט. אָבער, אחוץ רײן יחידישע מאָמענטן, שפּילט אויך א ראָל, דאָס לאַנד און פאָלק, װאָס דאַרף באַזירט װערן אף אזעלכע הונדערטער קאָלעקטיװן. מיט אײן װאָרט, א קיבוץ איז

פאַרײַניקונג פון יחידישע און קאָלעקטיווע מאָמענטן. עס איז,פאַקטיש, סאָציאַליזם אין עקספּערימענט. וויאַזוי קאָן טאַקע דער יחיד,געבוירן און דערצויגן אַף פּריוואַט אײגנטום,זיך אײַנלעבן און אויסלעבן אין אַזאַ פאָרם אָרגאַניזאַציע וואו פּריוואַט אײגנטום עקזיסטירט ניט במעט,אַלנפאַלס, ניט ווי אין אונזער„נאָרמאַל״לעבן.

* * *

אפשר איז ניט כדאי צו דערמאָנען,אָבער,דער קיבוץ האָט אויך די אויפגאַבע,די פאַרהיטונג פון לאַנד.דער קיבוץ ווערט שטענדיק געשאַפן ניט אין צענטער פון דער גרויסער שטאָט,נײַערט ווײַט,ווײַט ,בײַ די גרעניצן פון לאַנד. דאָרט וואו אַ פּריוואַטער מענטש וואָלט ניט געוואָלט זיך באַזעצן. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן,אַז אויפן גרעניץ,אָדער ספּעציפיש קלימאַטישע באַדינגונגען ווי דער קלימאַט בײַם ירדן טאָל,צי דער עזה געגנט,זאָלן פּריוואַטע מענטשן זיך וועלן באַזעצן. דאָ אין די געגענטן איז דער קיבוץ פון ײנגע מענטשן אַ פאַרהיטונגס פלאַץ,אַמין מיליטערישע באַזע קעגן שונאים פון דרויסן.אָבער,דאָס איז אַ קאַפּיטל אַן פאַר זיך,און מיט דער צײַט וועלן מיר זיך מיט דעם פאַרנעמען.

* * *

אָבער,אַלע געפרעגטע פראַגעס פון מײַנע פרײַנט,דרײען זיך אַרום דעם פונקט: וויאַזוי לעבט דער יחיד אין קיבוץ. צום בײַשפּיל: אַ חבר פרעגט מיך: ווער באַשטימט דעם אַרבעטספּלאַץ פון חבר אין קיבוץ,וואָסער אַרבעט זאָל טאָן יעדער אײנער מיטגליד? וויאַזוי ווערט פאַנאַנדערגעטײלט די שווערע און גרינגע אַרבעט,וואָס קריגט דער חבר פאַר זײַן אַרבעט,ווער באַשטימט וואָס און וואו זאָל געפלאַנצט ווערן,אָדער געזײט ווערן,? ווער באַשטימט צי זאָל דער קיבוץ אויך אײַנפירן אַ געוויסע אינדוסטריע, וואָס זײַנען די אינסטיטוציעס אין קיבוץ און וואָס זײַנען זײער אויפגאַבן? ווער באַשטימט,וועלכעס קינד איז באַרעכטיקט צו קריגן אַ העכערע בילדונג,מוזיקאַלישע אָדער גראָד עפּעס אַנדערש? קריגט דער פירער פון פאַבריק,אינסטיטוציע אַ העכערן געהאַלט ווי דער געוויינלעכער חבר? און וואָס איז דער גורל פון דעם נאַטור שוואַכערן וואָס קאָן ניט נאָכקומען די רעגולאַציעס פון קיבוץ? און וואָס איז וועגן אײנעם וואָס האָט גאָר קרובים אויסער דעם קיבוץ וואָס דאַרפן זײַן שטיצע? און-די הויפּט-

פראגע,װאָס איז דער טרײב כוח,די דינאמישע קראפט,װאָס טרײבט און מונטערט דעם חבר אין קיבוץ אויסצופאָלגן די אלע זאכן,התחיבותן,װאָס װערן אף אים ארויפגעלײגט ? איך לאָז ארויס א רײע פראגעס װעגן דעם פאמיליע לעבן אין קיבוץ,װאָס ניט יעדער פראגע שטעלער איז געװען פאראינטערעסירט. װי איר זעט,א גאנץ פײן פעקל פראגעס...

* * *

אָבער לאָמיר אײך דערמאָנען פון יענעם װאָס האָט געװאָלט,אז הלל הזקן זאָל אים דערקלערן די גאנצע תורה אף אײן פוס. איר געדענקט דאָך װי דער אלטער האָלצהעקער האָט אים געענטפערט;„האָב ליב דײן חבר װי זיך אלײן״.דאָסאיז דער הויפטפונקט אין ײדנטום. אלץ איבעריקע,איז נעבנזאכן,ניט מער. נו,דאָס זעלבע װיל איך זאָגן,אָנהויבן,װעגן קיבוץ.

די קיבוצישע באװעגונג איז אײנע פון די הויפט„גיטער״ פון מדינת ישראל. די מדינה איז דאָך א״גיט״פאר די ײדן פון דער גאָרער װעלט.זי איז א געזעלשאפט אָן קלאסן אָדער גרופירונגען. דער מענטש דאָ,װערט ניט געמאָסטן לויט דעם בײטל װאָס ער פארמאָגט.דאָס איז א געזעלשאפט פון קולטור װערטן,װאָס בעאײנפלוסט די גאנצע באפעלקערונג פון דער מדינה,װאָס װאקסט װײט,אריבער איר צאָל.און אָט די אידעאליסטן פון קיבוץ(זײ האָבן ניט ליב װען מען רופט זײ אידעאליסטן..)האָבן באװיזן צו פאָרמירן,אָרגאניזירן און לעבן אזא ארט לעבן װאָס געפונט זיך ניט אין קײן שום פלאץ אין דער װעלט.און,אפשר פארװירקלאכן זײ די נבואה פון ישעיהו,אז ישראל װעט זײן„אור לגוים״,א ליכט פאר אלע פעלקער פון דער װעלט...אין קײן שום לאנד,אפילו מיט געװאלט און קנוט,איז ניט געלונגען צו שאפן אזא פאָרם פון צוזאמענלעבן װי דאָ אין ישראל,און גראָד,פרײװיליק,פון ײנגע אידעאליסטן,מענטשן,ײנגלאך און מײדלאך װאָס האָבן געגלויבט מיט לײב און לעבן,אז פרײדיקן אלײן איז װײט ניט גענוג,מען מוז װײזן א מוסטער,אלײן פרובירן לעבן אין דער צוקונפט געפלאנטער געזעלשאפט ...דער קיבוץ איז געװאָרן געשאפן צו װײזן א מוסטער אונזערע ברידער צעשפרײט איבער דער װעלט,אָט אזוי דארפן מיר,מוזן מיר לעבן,פרײ,אומגעשטערט,װי א פאָלק אף יסודות פון די געדאנקען געפרײדיקט פון אונזערע נביאים,די גרעסטע סאָציאלע קעמפער אין דער מענטשהײט.

וויאזוי ווערט באשטימט דעם חברס ריכטיקן פלאץ, און ווער טוט דאָס ז דער קיבוץ האָט א לאָזונג: יעדער לויט זײַנע מעגלאכקײַטן־יעדן, לויט זײַנע באדערפערנישן. און דער לאָזונג ווערט שטארק אָפגעהיט און דורכגעפירט אין לעבן. עס ווערט דערווײַלט אן „ארבײַטס קאָמיסיע„ וואָס האלט אָפ אירע זיצונגען טעגלאך, נאָך דעם אָוונטעסן. די מערסטע ארבײַטן סטאביל. אָבער, די נויטווענדיקײַט פון א געוויסן צווײַג פון אגריקולטור צו א סעזאָן פון פארשטארקטע טעטיקײַטן, פאָדערט מאנכעסמאָל, א צוגאָב פון עקסטרא ארבײַטער. און דאָס איז די אויפגאבע פון „קאָמיטעט„ באזאָרגן די נויטיקע ארבײַטער. וואו, פונוואנען נעמט דער קאָמיטעט די דאָזיקע „הענט„ די דאָזיקע ארבײַטער, מוזן ניט גראָד זײַן פון די נײַע צוגעקומענע־זײַ קאָנען אויך זײַן פון די אלטע, וותיקים. זײַ ווערן גערופן „פקקים„ אף מאמע לשון־פשוט, קאָרקעס, צו פארשטאָפן, נויטיקע בלויזן וואָס האָבן זיך געשאפן דאָ און דאָרטן, פראָוויזיאָנעל.

* * *

נאטירלאך, אז יעדער ארבײַטער וואָס וואנדערט פון אײַן פלאץ אפן צווײַטן, שטרעבט צו האָבן א סטאבילן פאָסטן, בדי צו ווערן אויס „קאָרק„.

די אלע זאכן ווערן קײַנמאָל ניט געטאָן מיט קראפט, צוואנג. דער חבר אלײַן דארף אײַנשטימען און זעען צו וועלכער ארבײַט ער פאסט בעסער. און דער „קאָמיטעט„ איז דערווײַלט פון אלעמען און פירט דורך זײַנע התחיבותן אין הסכם מיט דעם וואוילזײַן פארן קיבוץ.

דאָס פארענטפערט אויך די פראגע: צי אײַנער איז מקנא דעם אנדערן, לאָמיר זאָגן, דער פעלד ארבײַטער, דעם אָנגעשטעלטן אין ביוראָ... אָדער, דער פיזיש געזונטער ארבײַטער, זאָל האָבן קעגן יענעם וואָס ווײַזט ארויס פראָפעסיאָנעלע פעאיקײַטן אף געוויסע געביטן. ווידער אמאָל, יעדער חבר אין קיבוץ ווערט צוגעגרײַט, פסיכאָלאָגיש, צו זײַן א טײַל פון א גאנצן באשאף. מוז ער מאנכעסמאָל פארבײַגן א קריוודע לטובת הכלל...

דער ארבײַטס טאָג לוין אין קיבוץ ווערט געפירט אף א פשוטן אופן. יעדער צווײַג באזונדער פירט א גענויען רעכענונג פון די אויסגאבן און אײַנקונפטן. און לויט דעם פארדינסט, ווערט אויסגערעכנט דער לוין. עס פאסירט, אז אײַן צווײַג ארבײַט בעסער פון די אנדערע, און ברענגט ארײַן מער ריוח, ווערט אויך דאָס צוגערעכנט צו די אנדערע, און שפעטער צעטײַלט

צװישן אלעמען גלײך.

* * *

„יעדער קריגט לויט זײנע באדערפערנישן״ למשל,דער חבר װאָס ארבײט אין א צװײג װאָס ברענגט ארײן װײניקער פארדינסט,װערט גלײך באצאָלט מיט אנדערע,פון בעסער פארדינטן צװײג.מיטן מאָמענט װען א חבר קומט ארײן אין קיבוץ,נעמט אף זיך דער כלל אלע התחיבותן פון אים.לאָמיר זאָגן,עס מאכט זיך ,אז דער דאָזיקער חבר קאָן ניט אזוי שנעל אדער גוט ארבײטן װי די איבעריקע־װערט ער צוליב דעם ניט קײן צװײטקלאסיקער. זײנע באדערפערנישן װערן באפרידיקט.און,אויב האָט ער א קינד װאָס דארף קריגן א דערציונג,איז דאָס די זאָרג פון קיבוץ. אָדער,אפשר האָט ער קרובים,עלטערן,אויסערן קיבוץ און זײ דארפן אָנקומען צו אים נאָך הילף ־זאָרגט פאר דעם אויך,דער קיבוץ.

* * *

װירטשאפטס קאָמיסיע.

אײן מאָל א יאָר,װערט געװײלט אזא קאָמיסיע פון פאבלײט,פון פארשידענע אגריקולטור צװײגן,און זי באשטימט װעלכע װירטשאפטס צװײגן זאָלן פאָרזעצן אָדער גאָר פארגרעסערן זײער טעטיקײט אין קומענדן יאָר,און אויך,װעלכע זאָלן אינגאנצן ליקװידירט װערן.מיט אײן װאָרט,אלץ װאָס האָט א שיכות צו דער װירטשאפט פון קיבוץ,געהער צו דער קאָמיסיע. אלע אירע באשלוסן װעגן דער װירטשאפט מוז פריער גוטגעהײסן װערן פונדער אלגעמײנער פארזאמלונג װאָס קומט זיך צונויף אײן מאָל יעדע װאָך. אָן דעם באשלוס פון אלעמען,קאָן די קאָמיסיע,ניט מאבן קײן שום ענדערונגען.

* * *

דערציונגס קאָמיסיע.

אלע פראָבלעמען װאָס האָבן א שיכות צו דערציונג װערן דערלײדיקט, דורך דער דערצ. קאָמיסיע. צום בײשפיל,א קינד װײזט ארויס געװיסע נײגונגען,פעאיקײטן,אף א געװיסן געביט,באשטימט די קאָמיסיע,דאָס קינד שיקן װײטער שטודירן און דער קיבוץ,נאטירלאך,דעקט די אויסגאבן. אלע עלטערן מיט זײערע דערציונגס פראָבלעמען,לערער און דערציער,אלע שטײען אין ענגען קאָנטאקט מיט דער קאָמיסיע װאָס זעט צו דערלײדיקן אלע פראָבלעמען װאָס װערן ארויסגערופן. דאָ איז ניט

(סוף זײט 116)

יעווגעני יעווטושענקאָ

דזשאָן סטיינבעק

רעכטס: יעווגעני יעווטושענקאָ.

לינקס: זשאַן שטיינבעק.

* * *

א פּאָעמע וועגן וויאטנאם און אן ענטפער.

* * *

דער באַרימטער רוסישער פּאָעט וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין פּאָעמע קעגן אנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד„באַבי יאַר”האָט אָפּגעדרוקט אין דער רוסישער "ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ” א פּאָעמע דירעקט געווענדעט צו זיין זייער גוטן חבר און פריינט זשאַן שטיינבעק.

דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט אין דער„ניו יאָרקער טיימז”און עס לייענט זיך אזוי: מיין טייערער פריינט,דו געדענקסט ווען דו ביזט געווען אין מאָסקווע האָסטו אונז דאַן געזאָגט: איך יונגע וועלף,פאַר וואָס ווייזט איר ניט אייערע ציין? איצט איז געקומען די צייט,אז דו מיין טייערער זשאַן דער אַלטער וואָלף,זאָל ווייזן זיינע ציין...איך האָב ליב די אַמעריקאַנער און איך האָב זייער פיל פריינט אין די שטאַטן.בין אויך איבערצייגט, אז זיי זיינען גוטע פּאַטריאָטן ווען זיי טרעטן ארויס קעגן אַמעריקעס מלחמה קעגן וויאטנאם.די יעניקע וואָס פּראָטעסטירן זיינען ניט קיין פאַררעטער צו אַמעריקע,נאָר פאַרקערט,זיי ווילן ניט אז אַמעריקעס כבוד זאָל באַשמוצט ווערן. מאנכע שרייבער פון „גרייפס אָף ראַט” דאַרפן נאָך קומען,אָדער אפשר איז עס מעגלאַך,אז דיינס איז שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט, דו האָסט שטענדיק געקאָנט הערן די שטימען פון דער צייט,הערסטו פון דער וויטן,דורך די זשאַנגלס ביז ניו יאָרק,מאָסקווע,דאָרטן

* * *

פליען,דער געשריי נאָך הילף מאמא,מאמא!

איז עס ניט שוידערלאך פאר דיר די דאָזיקע נעכט ווען פילאָטן באָמבאדירן קליינע קינדערלאך,און אפשר טראָגן זיי מיט זיך דיין בוך ״טשארלי״?דער ווינטער פון אונזער אומצופרידנהייט איז איצט.

עס איז אוממעגלאך צו בלייבן רואיק און גלייכגילטיק. אויב די פאָליטיקער ליגנערוון,האָבן זיי ניט קיין רעכט אף פאָליטיק.

וועסטו זאָגן,פאר וואָס זיך ארייַנפלאָנטערן אין פאָליטיק,יעדער ווייסט, אז פאָליטיק איז א הור,?ניין זשאן! פאָליטיק איז בראווקייט און האָנאָר. -ווען עס ווערט געטאָן אין נאָמען פון געוויסן און אידייען.

איך וויל ניט זיין ווי געוויסע מענטשן,אָבער,מיין טייערער זשאן,מיין טייערער און מילדער זשאן,ביזטו ניט געוואָרן אביסל צו מילד?

* * *

פארשטיי,די שורות ווערן ניט געשריבן דיך צו פראָוואָצירן,חלילה,אָבער איך קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק און רואיק און איזאָלירט..

מיר זיינען קליינע וועלף,אָבער דו,זשאן,אן אלטער וואָלף,וויז דיינע ציין די ציין פון זשאן!

* * *

אף דעם האָט זשאן שטיינבעק,א בארימטער אמעריקאנער שרייבער און א נאָבל פרייז געווינער אין ליטעראטור,געענטפערט:

מיין ליבער זשעניע.

איך האָב ערשט איבערגעלייענט טיילן פון דיין ליד,וואָס איז געווען געדרוקט אין דער״ניו יאָרק טיימז״.איך קאָן ניט אורטיילן,ווי גוט און פינקטלאך די איבערזעצונג פון דיין ליד איז,אָבער איך בין צופרידן און איך פיל זיך געשמייכלט פון דיין געטריישאפט.

אין דיין ליד פאָדערסט דו מיך אויף,אז איך זאָל זיך ארויסזאָגן קעגן דער מלחמה אין וויאט נאם.דו ווייסט זייער גוט,ווי איך האָב פיינט יעדע סאָרט מלחמה,אָבער פאר דער מלחמה אין וויאט נאם,טראָג איך א באזונדערן האס.איך בין קעגן דער דאָזיקער מלחמה,וואָס איז אינספירירט געוואָרן פון די כינעזער.איך קען ניט קיין איין אמעריקאנער וואָס איז פאר דער מלחמה.אָבער,מיין ליבהארציקער פריינט,דו

פאָדערסט מיך אויף,אז איך זאָל פארדאמען בלויז א העלפט פון דער מלחמה אין וויאט נאם,בלויז אונזער העלפט.אפעליר איך צו דיר,אז דו זאָלסט מיר העלפן צו פארדאמען די גאנצע מלחמה.

דו גלויבסט דאָך ניט,מיין טייערער פריינט,אז אונזערע פילאָטן זוכן צו באָמבארדירן די קינדער,און,אז מיר שיקן באָמבעס און טאנקען קעגן דער אומשולדיקער באפעלקערונג..דאָס איז דאָך ניט מזרח בערלין אין יאָר 1953,און בודאפעסט אין יאָר 1956 אָדער טיבעט אין 1959(ווען סאָוועטישע טאנקען האָבן געמאָרדערט ציווילע מענטשן אין די טויזנטער כדי אונטערצודריקן די אויפשטאנדן פון דער באפעלקערונג אין יענע לענדער...)

~~*************~~

דו ווייסט גאנץ גוט,מיין ליבער פריינט,אז מיר באָמבארדירן בלויז אויל קוואלן און מיליטערישע זאפאסן. און דו ווייסט דאָך,אז זייערע וואפנס קומען פון דיין לאנד...וואָלטן די דאָזיקע וואפנס ניט געשיקט געוואָרן,וואָלט דאָך געווען ניט מער ווי געוויסע חילוקי דעות צווישן זיי,ניט מער.דו ווייסט דאָך,אז דאָס איז ניט דער פאַל.

די מלחמה אין וויאט נאם איז די ארבייט פון דעם כינעזיש-קאָמוניסטישן פירער,מאָא טצע טונג וועלכער פירט אָן די מלחמה פון פעקין. די מלחמה ווערט געפירט מיט דעם געווער וואָס ווערט געשיקט פון כינע און פון דיין לאנד.לאָמיר דעריבער,פריינט,אויך דאָס פארדאמען,אָדער, לאָמיר זיך נעמען דורכפירן א פראגראם וואָס וועט זיין מער עפעקטיוו ווי בלויז פארדאמען.

~~*********~~

איך בעט דיך,אז דו זאָלסט אויסנוצן דיין גרויסן איינפלוס אף דעם סאָוועטישן פאָלק און אף דיין רעגירונג,און אויך אף יענע וואָס קוקן ארויף צום סאָוועטן פארבאנד פאר פירערשאפט,כדי אָפצושטעלן די מערדערלאכע וואפן צו צפון וויאטנאם,וואָס ווערט גענוצט קעגן דרום וויאט נאם.

פון מיין זייט וועל איך אויסנוצן אלע קוואלן,וואָס געפונען זיך אין מיין באזיץ,צו איבערצייגן מיין רעגירונג ארויסצוציען די טרופן און געווער פון וויאט נאם,איבערלאָזנדיק בלויז געלט און הילף אויפצובויען דעם חורבן פון דער מלחמה.און,טייערער,זשעניע,

אויב דו וועסט באווייזן דאָס צו טאָן, וואָלט מיין חלק געקומען אויטאָמאטיש.

אָבער אפילו דאָס אלץ איז ניט נויטיק אָפּצושטעלן די מלחמה אין וויאט נאם. ווען דו וואָלסט באוויזן צו איבערצייגן די וויאט נאמער איינצוגיין מיטן גוטן ווילן צו פארהאנדלן וועגן שלום, וואָלטן די באָמבארדערס גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרן. די קאנאָנען וואָלטן אנטשוויגן געוואָרן און אונזערע טייערע זין וואָלטן געקומען אהיים. דאָס איז זייער פשוט, מיין ליבער פריינט. איך האָף צו זעען דיך און דיין ליבע פרוי גאליא גאָר איינגיכן. מיטן גאנצן רעספעקט און ליבשאפט..

זשאן שטיינבעק גארדן סיטי ניו יאָרק

* * *

יעווטושענקאָ האָט פארלאנגט פון דער צייטונג„ליטעראטורנאיא גאזעטא״ אויך אָפּדרוקן שטיינבעקס ענטפער אף זיין ליד. צי די צייטונג וועט דאָס אָפּדרוקן, בלייבט צו זעען. אלנפאלס, יעווטושענקאָ, ענטפערט שטיינבעקן, זיין פאָרשלאָג אָפּצושטעלן די מלחמה און גיין צום שלום טיש איז איצט ניט פראקטיש. ער האלט, אז די אמעריקאנער מוזן פריער ארויס, און דאן קאָן מען ריידן וועגן שלום. ער דערקלערט ווייטער, אז ער האָט ליב זיין פריינט שטיינבעקן ווי אויך די אמעריקאנער קולטור, כאָטש ער שטימט ניט איין מיט אים וועגן פארשידענע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

* * *

דער דאָזיקער דיאלאָג איז זייער כאראקטעריסטיש פאר ביידע. ביידע זיינען אָנגעזעענע שרייבער מיט וועלט נעמען. ביידע זיינען„וועלף וואָס ווייזן זייערע ציין״(גייען ניט מיטן שטראָם, און וואגן צו גיין זייער אייגענעם וועג.) דער פאל פון שטיינבעקן־בארימט געמאכט מיט זיינע ווערק פון אויפדעקן די שווערע אומדערטרעגלאכע באדינגונגען פון די פארמער אין אָקלאהאָמא, ווי בכלל, פון אָרימען מענטשן. כאָטש ניט קיין רעוואָלוציאָנער אָטעמט פון זיינע ווערק פּראָטעסט קעגן א געזעלשאפט וואָס דערלויבט אזעלכע באדינגונגען אין רייכסטן לאנד אין דער וועלט.

יעווטושענקאָ האָט געוואגט ארויסצוטרעטן אין א צייט ווען יעדעס וואָרט קעגן רעזשים איז שטרענג אונטערדריקט געוואָרן און מאנכעסמאָל האָט דער שרייבער באצאָלט מיט זיין לעבן. זיין ארויסטריט קעגן דעם

קאַנסער פון אנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן פארבאנד,האָט אים געשטעלט אין איין ריי מיט די געוואגסטע קעמפער פאר רעכט און יושר. ער האָט געהאט גענוג אויסצושטיין פאר זיינע מוטיקע ארויסטרעטונגען.

* * *

פון דער פרעסע: יולי דעם 26טן (איטא אגענטור)

א גרופע פון 22 אמעריקאנער רעפאָרם ראבאים זיינען היינט געשטאנען אין באבי יאר אין קיעוו און געטאָן תפילה,אז די סאָוויעטישע מאכט זאָל אויפשטעלן א מאָנומענט אין אנדענק פון די 100,000 יידן וואָס די נאצים האָבן דאָרט דערמאָרדערט אין דער צווייטער וועלט מלחמה. זיי האָבן דורכגעלייענט אף ענגליש די בארימטע פאָעמע „באבי יאר״פון סאָוויעטישן פאָעט,יעווגעני יעווטושענקאָ. די פאָעמע דריקט אויס באדויער וואָס ביז היינט איז דאָרט ניט פאראן קיין מאָנומענט פאר די יידישע קדושים און דריקט אויך אויס א פארדאמונג פון דעם אנטיסעמיטיזם.

אין דער תפילה זאָגט זיך:

מיר שטייען דאָ אף דעם הייליקן פלאץ,וואו פיל טויזנטער פון אונזערע ברידער ליגן באערדיגט אין א פינצטערן גרוב.מיר קאָנען זיי ניט מחיה מתים זיין.מיר קאָנען ניט צעטיילן זייערע אויסגעמישטע ביינער,אָבער,מיר קאָנען ווייניקסטנס,ערן זייער אנדענק. מיר קאָנען אויך פאָדערן א מצבה, מאָנומענט פאר זיי,וואָס זיינען אומגעקומען אף קידוש השם.

קיין סאָוויעטישער בירגער איז ניט געווען אנוועזנד ביי דער תפילה.

* * *

קאָמענטארן זיינען ניט נויטיק.

אונזער באציאונג צו דער וויאט-נאם מלחמה,ווי צו מ׳חמות אין א׳געמיין,האָבן מיר אויסגעדריקט אין צוויי ארטיק׳ן אין די בולעטינען נומער 6 און 7. שאָלעק

* * *

יידן אין פאנאמא

אשכנזים

דריטער ארטיקל פון דער סעריע „יידן אין פאנאמא“

ווי שוין דערמאָנט אין ערשטן טייל פון אונזער ארבייט, האָבן זיך באוויזן יידן פון די מזרח אייראָפייאישע לענדער שוין אין יאָר 1866 א הונדערט יאָר. די ערשטע זיינען געווען יחידים צעוואָרפן אין פארשידענע קליינע שטעטלאך פון דער רעפובליק. וועגן אָרגאניזירן א קהילה, האָט דאן ניט געקאָנט זיין קיין רייד. מען האָט באדארפט זאָרגן פארן שטיקל ברויט. און אזוי ווי קיין יידישע פרויען זיינען דאן ניט געווען, האָט דער יידישער אימיגראנט, נאָכן אָפזיין א שטיקל צייט גענומען א פרוי און אָנגהויבן צו לעבן א פאמיליע לעבן. נאטירלאך, אז די קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן אין ריין קריסטלאכן גייסט. כמעט אלע פון די ערשט־געקומענע אימיגראנטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער באפעלקערונג .

די ערשטע באדייטנדע אימיגראציע פון „אשכנזים“ הויבט זיך אָן, כמעט פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. יידן זיינען געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן כדי זיך צו ראטעווען. שוין געפילט אין דער לופט, דעם אָנקומענדן חורבן, איז מען געלאָפן וואוהין מען האָט אריינגעלאָזט. פאנאמא איז געווען זייער ליבעראל, ליבעראלער פון אסך גרויסע ריזיקע דעמאָקראטישע לענדער, נו, האָבן יידן זיך דאָ אָפגעשטעלט און געמאכט זייער היים.

די ערשטע צייט, ווי געוויינלאך, גייט אוועק מיט טראכטן ווי אזוי צו פארדינען א שטיקל ברויט. כמעט אלע זיינען געקומען אָן געלט. קוים געראטעוועט דאָס לעבן. נעמט מען א פעקל און מען גייט פון הויז צו הויז פארקויפן די סחורה. קיין וואָרט שפאניש, האָבן די מערסטע ניט געקאָנט. ריידט מען אויף שטום־לשון און דער פאנאמענער האָט רחמנות אויף דעם אומבאהאָלפענעם „אלעמאן“ (דייטש) און קויפט. אגב, די מערסטע יידן זיינען גערופן געוואָרן „אלעמאנעס“, דייטשן, אָדער „פאָלאקוס“, פאלאקן.

דאָס װאָרט „יידן״ איז זיי לחלוטין ניט געװען באקאנט. מאנכע, די גאָר גליקלאכע, אזוי שנעל װי זיי האָבן געקראָגן די ערשטע עטלאכע דאלאר, האָט מען זיך אויסגעמאכט א קליין געװעלבל און אָנגעהויבן ציען א שטיקל ברוים. קיין צו גרויסע גליקן זיינען דאן ניט געװען. אין די פערציקער יאָרן, געדענקט זיך מיר ניט צופיל רייכע יידן צװישן דער „אשכנזישער׳ גרופע.

xxxxxxxxx

די מערסטע געקומענע אין די פערציקער יאָרן זיינען געװען פון דער אלטער היים, ארבייטער, שוסטער, שניידער, סטאָלארעס א א ע. האָט מען דאָ געעפנט א קליין װערקשטאטל, א שניידעריי און אָנגעהויבן צו אנטװיקלען, אף א קליינעם מאסשטאב, פאבריקלאך. צום ערשט אליין געארביים, שפעטער, נעמט מען צו איין ארבייטער, צװיי און אן אינדוסטריע װערט אנטװיקלט פון אָט די ערשט געקומענע אימיגראנטן, װאָס איז גאָר שפעטער, ארויסגעװאקסן אין פאבריקן װאָס באשעפטיקן טויזנטער ארבייטער. יאָ, יידן האָבן געבראכט קיין פאנאמא, ניט בלויז מסחר, נאָר אויך אינדוסטריען װאָס באשעפטיקן היינט, װי געזאָגט, טויזנטער היגע ארבייטער.

xxxxxxxxxxx

די „אשכנזישע״ גרופע האָט באלד אין די ערשטע יאָרן דערפילט א בלויז אין זייער לעבן. קוים זיך געשטעלט אף די פיס, האָט מען אָנגעהויבן צו טראכטן װי אזוי ממשיך זיין, דערהאלטן דאָס יידישע לעבן.

xxxxxxxxxxxxx

אין די פערציקער יאָרן, ארום 42טן יאָר איז געװען א פריװאט פלאץ. ביי א יידן װאָס האָט פארמאָגט מאטראץ פאבריק, א גרויס צימער, און דאָרטן אף צענטראל עװעניו אין פאנאמא, פלעגן די יידן קומען יעדן שבת דאװענען בצבור, אָדער גאָר כאפן א קדיש נאָך א טויטן קרוב, אָדער סתם יידן.

אין דער זעלבער ציים הויבן אָן יידן צו טראכטן װעגן שאפן א קלוב, שול, צענטער פאר אלע אשכנזישע יידן. פארזאמלונגען און צוזאמענקומען װערן גערופן װאָכן, חדשים. שװער געװען פאר דער ערשטער גרופע, מאנכע נאָך ניט איינגעפונדעטע, נאָך ניט זיכער מיטן באָדן אונטער די פיס, שוין צו נעמען טראכטן װעגן שאפן א הויז, װאָס איז געװען פארבונדן מיט שװערע טויזנטער.

פון קליינע געזאמלטע געלטער(קיין צו גרויסע גבירים זיינען דאן אין דער גרופע נים געווען)איז געזאמלט געוואָרן דרייסיק טויזנט דאלאר און אין 1945 איז אויפגעעפנט געוואָרן דער צענטער,שול צו דאווענען און קלוב פאר אלגעמיינע טעטיקייטן. דער נאָמען איז דאן, צוליב פארשידענע סבות,געווען :„בענעפיסענציא איזראעליטא דע פאנ.“ שפעטער,מים יאָרן,געביטן אָף,„בית אל“.

xxxxxxxxxxx

וואָסערע ציל האָט זיך געשטעלט די דאָזיקע גרופע באלד ביים אָנהויב? אָט וואָס עס זאָגן די ערשטע תקנות,וואָס זיינען שפעטער איינגעשלאָסן געוואָרן אָפיציעל אין דער קאָנסטיטוציע פון דער קהילה :

א) דער צענטער וועט זיין דער פארייניקטער כח פון אלע יידן אָן אונטערשיד פון פאָליטישע איבערצייגונגען.

ב)דער צענטער שטרעבט צו אינספירירן אלע שאפנדע כוחות דאָ אין פאנאמא אז זיי זאָלן קומען צום אויסדרוק פארן נוצן פון אלע יידן דאָ.

ג) דער צענטער שטרעבט צו שאפן א ברידערלאכע משפחה וואו יעדער ייד וועט געפונען און קאָן דערווארטן א ווארימע האנט,הילף אין צייט פון נויט.

ד) אונזער אָרגאניזאציע וועט ציען אינספיראציע פון אלטע און נייע קוואלן.עס קאָן נים זיין קיין אמת יידיש לעבן,אז דאָס רעליגיעזע לעבן זאָל אויסגעלאָזט ווערן. יעדע פאָרם פון קולטור ציט איר אינספיראציע,האָט זיך אָנגעהויבן מים רעליגיע. דער פארלאנג פון פרימיטיוון מענטשן צו דערקלערן,זיך,די וועלט ארום אים, האָט געפירט צו רעליגיע. די ערשטע קעמפער,אפשר די גרעסטע אין דער מענטשלאכער געשיכטע,זיינען געווען די יידישע נביאים. זייערע ווערטער,געדאנקען,זיינען נאָך צייטיק ביז היינטיקן טאָג. צו איגנאָרירן די דאָזיקע לערע,איז פשוט אומזין.

ה) דער יידישער ביטראג צום קאמף פאר פרייהייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אָנהויבנדיק מיט די נביאים ביז היינטיקן טאָג, שטענדיק און אומעטום,וואו עס איז פאָרגעקומען א קאמף פאר גערעכטיקייט,זיינען אונזערע ברידער און שוועסטער געווען אין פאָרפראָנט. קאמף קעגן באדריקער וואָס האָבן געוואָלט ארויפצווינגען זייערע פאגאניסטישע געטער,ביז דער קאמף פאר א גערעכטע וועלט טאקע אין אונזער צייט,

אומעטום און שטענדיק וועט איר טרעפן אונזערע ברידער און שוועסטער. ציוניסטן און סאָציאליסטן און אלע פארטייען וואָס שטרעבן צו א גערעכטע וועלט,זיינען קינדער,אייניקלאך,פון יענע גרויסע לערער אונזערע וואָס האָבן דאָס געטלאכע וואָרט געפריידיקט צו דער גאנצער וועלט נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. מיר ווילן די דאָזיקע מאראלע לערע ווייטער פאָרזעצן און דאָס איבערגעבן אונזער נייעם דור.

ה) דער צענטער וועט ווערן די גייסטיקע היים פון אלע יידן דאָ אין פאנ. מיר וועלן זיין באמיען דורכפירן אזעלכע טעטיקייטן וואָס וועלן אָפּשפּיגלען דאָס קאָלירפולע יידישע לעבן פון דער גאנצער וועלט,אפילו אין מיניאטורפאָרם. אף א קליינעם,מאסשטאב,לויט אונזערע מעגלאכקייטן. די יידישע ליטעראטור אין אלע אירע פאָרמען,די שפאניש אראבישע „גאָלדענע עפּאָכע" ביז דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור אף יידיש און העברייאיש. אלץ דארף אונז ניט זיין פרעמד. מיר וועלן עפענען א ביבלאָטעק וואו יעדער איינער מיטגליד וועט קאָנען קריגן ביכער צו לייענען וואָס וועלן באריי כערן זיין יידיש און אלגעמיינעם וויסן. הערט זיך איין צו די ווערטער,פון: א הלל הזקן, פלאטאָ און שפינאָזא און אייער לעבן ווערט רייכער,פילפארביקער און אינטערסאנטער. מיר וועלן זיין באמיען צו דערציען און העלפן אנטוויקלען דעם גייסטיקן צושטאנד פון אונזערע מיטגלידער.

ז) יידישע ימים טובים - וועלן געפייערט ווערן ווי עס פאסט פארן באשטימטן יום טוב. א יום טוב איז א טאָג ארויסגעשיילט פון טאָג־טעגלאכקייט און דערהויבן צו געוויסער הויך. עס איז א טאָג וואו גרויסע און וויכטיק היסטאָרישע געשייענישן זיינען פאָרגעקומען,אז דאָס פאָלק האָט געפונען פאר נויטיק צו פארייביקן,אז זיי זאָלן געדענקט ווערן לדורות.

ז) יידישע דערציונג. דער צענטער וועט שטרעבן צו עפענען א קינדערשול וואו אונזערע קינדער זאָלן קאָנען קריגן אן עכט יידישע דערציונג און ניט זיין געצוואונגען צו גיין אין קאטוילישע שולן,לאָמיר זעען,אז אונזער קינדער זאָלן ווייטער פאָרזעצן די ירושה פון אונזערע גרויסע גייסטיקע פירער.

ח) דער צענטער װעט שטיצן פינאנציעל אלע שאפנדע כוחות אין דעם יידישן לעבן איבער דער גאנצער װעלט.און נאטירלאך,אויך לאָקאלע הילף פאר יענע אונזערע ברידער,װאָס װעלן זיך נויטיקן .לאָמיר שטרעבן צו שאפן א צענטער דאָס זאָל װערן דער צעמענטירנדער כח אין דעם לעבן פון די יידן דאָ אין פאנאמא.

(ריידע געהאלטן פון מײַן װײניקײט ביי דער גרינדונגספארזאמלונג פון דער אשכנזישער גרופע אין יאָר 1944)

xxxxxxxxxxxxxxxxx

די ערשטע אימיגראנטן זיינען געקומען פון לענדער װאו עס האָט געזידט און געקאָכט מיט יידישע פארטייען מכל המינים,און עס איז געװען א געפאר, אז דאָ אין קליינעם ישוב זאָל די האָרשפאלטענדע חלוקי דעות שטערן און דערפירן צו קריגערייען,דערפאר,האָבן מיר גלייך אונטערגעשטראָכן דעם אומפארטייאישן כאראקטער פון דער דאָזיקער אָרגאניזאציע. װי די פראקטיק האָט שפעטער באװיזן איז דאָס געװען זייער נויטיק צו דערהאלטן די גאנצקייט פון דער אשכנזישער גרופע.

אין 1945 װערט אָפיציעל געעפנט דער צענטער פון דער דאָזיקער גרופע װאָס איז באשערט געװען צו שפילן א באדייטנדע ראָל אין דער אויספאָרמירונג, געשטאלטיקונג,פון די יידן אין פאנאמא. די דאָזיקע גרופע האָט גלייך אָנגעהויבן צו שאפן א פארייניקונג,אפילו א בלויז לויזע,פון אלע יידן דאָ אין פאנאמא. xxxxxxx

געװען איז דאָס אין יענע צייטן פון טרויריק בארימטן ארנולפאָ אריאס. אליין דערצויגן אין מוסאָלינים פאשיסטישן לאנד,האָט ער די דאָזיקע אידייען געװאָלט דורכפירן דאָ אין פאנאמא װען ער איז ארויף אפן פרעזידענט שטול. אויך די יאָרן אין דײטשלאנד האָבן אים געמאכט פאר װיסטן רעאקציאָנער און אנטיסעמיט. ער הויבט אָן איינצופירן די בארימטע „ראסא-פראָהיבידא״ טעאָריעס. געװיסע ראסן װאָס זאָלן ניט דערלויבט װערן אריינצוקומען קיין פאנאמא. און יענע װאָס זיינען שוין דאָ, מאכן זייער לעבן אזוי שװער,אז זיי זאָלן אלץ איבערלאָזן און אנטלויפן פון לאנד.איז זײן פראָגראם זיינען אריין פאָלגענדע פעלקער: כינעזער,אינדיער און--יידן. צום גליק איז ער געװען אנטיאמעריקאניש,

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

און געבראָכן דעם קאָפ נאָך איידער ער האָט געקאָנט אָנהויבן זיין היטלער פראָגראם.

xxxxxxxxx

דערווייל זיינען יידן געוואָרן איבערגעשראָקן,ספעציעל די פריש-געקומענע וואָס האָבן זיך געראטעוועט פון נאציש גהינום. האָט די גרופע אלארמירט די יידן דאָ און גערופן פארזאמלונגען אויפצו שטורעמען די עפנטלאכע ײדישע מיינונג אין די שטאטן צו דער אָנקומענדער געפאר. מיר האָבן גערופן אלע יידן,די היגע„אריסטאָקראטיע״ פון„קול שארית״, די ספרדים פון„שבת אחים״ אויך מאנכע אמעריקאנער יידן פון דער זאָנע און פרובירט זעען וואָס עס קאָן געטאָן ווערן איידער עס ווערט שפעט.

xxxxxxxxxx

אויך דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן דעם תהום צווישן די פארשידענע קהילות. די ספרדים זיינען נאטירלאך געווען דערפאר צו אלארמירן דער יידישער עפנטלאכקייט. זיי זיינען דאָך געווען קלאסיפיצירט אין דעם פראָגראם פון ארנולפאָ אין דער קאטעגאָריע פון „פארבאָטענע ראסן״ האָבן זיי געפילט די געפאר. די היגע וואָס האָבן זיך באטפאכט פאר אמתע פאנאמענער ,האָבן ניט געוואָלט זײַן פארבונדן מיט דער דאָזיקער אקציע, וואָס,לויט זײער אויפפאסונג ,קאָן שטעלן אין געפאר זייער עקזיסטענץ.

xxxxxxxxxxx

נאָך חדשים אמפערן זיך,איז באשלאָסן געוואָרן צו שאפן א מין זײער לויזע פארײניקונג(אָדער בעסער,צוזאמענקום פון צײט צו צײט) און ארומרײדן די באלדיקע פראָבלעמען וואָס רירן אָן דאָס ײדישע לעבן דאָ אין פאנאמא. די דאָזיקע אָרגאניזאציע האָט געשאפן דעם ערשטן שטאפל פאר א צוזאמענארבײט פון אלע דרײ ײדישע קהילות ווי מיר זעען דאָס הײנט.

אָבערזאָל דאָ פארצײכנט ווערן די אומדערמידלאכע ארבײט פון די יחידים: אהרן אײזן(הײנט קאָנסול פון פאנאמא אין ישראל) רבי נתן וויטקין פון דער אמעריקאנער זאָנע, נתן שווארץ ,אהרן גראָבמאן,ש. ווישניצער, זעלענקא,(דאן סעקרעטאר פון דער אשכנזישער גרופע) בײגעלמאן,בעצאק, מ. שטערן, ווײנבערג ו,ס. מ.בײטל ו און מײן ווײניקײט.

xxxxxxxxxxxx

אויב מיט יאָרן שפעטער האָט געקאָנט געשאפן ווערן אזא פרעכטיקער און ערנסטער בנין ווי „דער אײנשטײן אינסטיטוט״איז דאָס א רעזולטאט פון די שווערע,אומדערמידלאכע ארבײט פון יענע יחידים וואָס האָבן מיט

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

לײב און לעבן געארבײט און פארשטאנען,אז מיר ײדן מוזן ארבײטן און לעבן צוזאמען. צוזאמען זײנען מיר א כח,באזונדער,צעשפליטערט,װערן מיר געלאָזט אף הפקר צו אונזערע שונאים.

די אשכנזישע גרופע האָט שוין אין די פערציקער יאָרן געבראכט א לערער פון קובא און אויפגעעפנט א ײדישע שול. צום באדויערן האָט די שול ניט געקאָנט עקזיסטירן צוליב דער קלײנער צאָל קינדער און אויך צוליב רײן פינאנציעלע פראָבלעמען. אָבער, די גרופע האָט ניט גערוט און מיט יאָרן שפעטער געשאפן דעם פרעכטיקן „אײנשטײן אינסטיטוט“ װאָס איז שוין באהאנדלט געװאָרן אין פריערדיקן ארטיקל.

אויך די דאָזיקע גרופע װאָס האָט אמאָל פארמאָגט העכער 150 מיטגלידער, װערט קלענער פון טאָג צו טאָג. דער גרעסטער טײל איז אװעק אין די פארײניקטע שטאטן און א טײל קײן ישראל, אזוי,אז די „אשכנזישע“ גרופע,די אקטיװסטע פון אלע טעטיקײטן דאָ אין פאנאמא,לײדט אויך פון דער געפאר ניט צו קאָנען אָנגײן מיט אירע טעטיקײטן אלס קהילה. מיר האָבן הײנט א זײער פעאיקן פרעזידענט,א מענטש װאָס שטײט בײ דער ארבײט פון ערשטן טאָג אָן,נתן שװארץ,ער גיט אװעק זײן פולע צײט אף צו דערהאלטן און װײטער פארזעצן די דאָזיקע ארבײט אָנגעהויבן מיט העכער צװײ צענדליק יאָר צוריק. לאָמיר האָפן,אז אים װעט געלינגען ממשיך זײן דאָס שײנע און װערטפולע קאפיטל,„אשכנזים“ אין פאנאמא.

xxxxxxxxxxxxxx

די קהילה„קול שארית“ איז רעפאָרמיסטיש.

„שבת אחים“ שטרענג אָרטאָדאָקסיש און די„בית אל“ אָרטאָדאָקסיש

אז מיר האָבן דאָ אלע פארשידענע ריכטונגען אין רעליגיעזן לעבן דאָ אין פאנאמא. און שפראכלאך,אויך צעטײלט. די„קול שארית“ פירט אירע טעטיקײט און תפילות אף ענגליש. די ספרדים פון „שבת אחים“־אף שפאניש תפילות,נאטירלאך,אף העברײאיש. די„בית אל“--א געמיש פון שפראכן. בײם אָנהויב,פלעגן אלע טעטיקײטן געפירט װערן אף ײדיש,הײנט,אף אלע דרײ שפראכן: ײדיש,ענגליש און שפאניש. סבות פאראן צופיל װעגן דעם איצט צו רײדן.

xxxxxxxxxxxxx

אָבער,ניט בלויז שפראכלאך,אויך קולטורעל,זײנען די אלע דרײ פארשידענע גרופעס צעטײלט.

געמישטע חתונות. יאָ, פאראן, אָבער זייער ווייניק. ווי געזאָגט פריער, ביי דער קהילה פון „קול שארית" איז פאראן א גרויסער טייל שוין פון לאנג אויסגעמישט מיט קאטוילישע פאמיליעס. איר וועט היינט אָנטרעפן א פירער פון בני ברית, איז איין טאָכטער פארהייראט צו א ספרדישן, אָרטאָדאָקסישן בחור און די צווייטע צו א גוטן קאטויליק. אָבער, ביי די אנדערע צוויי גרופעס זיינען פאראן זייער ווייניק געמישטע חתונות. און יענע וואָס האָבן געהייראט קריסטלאכע פרויען, ווערן אָבער די קינדער דערצויגן אין אן עכט ידישן גייסט.

ווען מען ריידט פון געמישטע חתונות, זעען מיר לעצטנס א געמיש פון ספרדים מיט אשכנזים. אזאך, וואָס אין די פריערדיקע יאָרן ניט געווען. בכלל, מערקט זיך א בעסערע דערנענטערונג צווישן די דאָזיקע צוויי גרופעס: אשכנזים און ספרדים. כאָטש, נאטירלאך, דאָס לעבן אין פארשידענע לענדער מיט באזונדערע קולטורן האָט ארויפגעלייגט א באשטימטן חותם אף אָט די צוויי גרופעס ידן. די ספרדים קומען פון נאָענטן מזרח און די אשכנזים פון מזרח און מערב אייראָפע.

xxxxxxxxxxxxx

וויפיל ידן זיינען פאראן אין פאנאמא ? לויט דער ציילונג פון דער „בני ברית" אין יאָר 62 זיינען אין דער גאנצער רעפובליק פאנאמא, געווען קנאפע צוויי טויזנט נפשות. גענוי, 1807. געבוירן: אין פאנאמא 962 מער פון העלפט, לאטיין אמעריקע- 127, אין די שטאטן- 110, אין אייראָפע- 275, נאָענטער מזרח -325 אפן און אנדערע לענדער- 8.

xxxxxxxxxxxxxxx

אנטיסעמיטיזם איז אין פאנאמא בכלל ניט בנמצא. ווייזט אויס, אז די נאציאָנאליסטישע ענערגיע ווערט אָנגעווענדט בלויז קעגן „יענקישן - אימפעריאליזם" פארגעסן זיי אין די ידן. ידן פארנעמען דאָ א זייער בכבודיק פלאץ אין אלגעמיינעם לעבן פון לאנד, כאָטש מישן זיך ווייניק אין פאָליטיק. כאָטש היינט האָבן מיר א וויצע פרעזידענט פון פאנאמא, א יד, דעל וואיא. ער מישט זיך ניט אין ידישע ענינים, אָבער, לייקנט ניט זיין אָפּשטאַם.

xxxxxxxxxxxxxx

יורדים. דאָס וואָרט אימפּאָנירט מיר ניט. ישראלים זיינען דאָ פאראן עטלאכע צענדליק, געבוירענע זאָגאר אין ישראל.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

מאנכע פון זײ זײנען דאָ געװאָרן זײער רײך פון מסחר אָדער פון פאבריקן. אגב, איז צו באװאונדערן װי אזוי א בחור געבוירן פון ישראל קומט אין נײ לאנד, א נײע שפראך, נײע מנהגים און קריגט ארבײט אלס פארקויפער. ארבײט אָפּ עטלאכע חדשים און הויבט אָן פאר זיך אן אײגן פאבריקל. און הויבט אָן צו גײן בארג ארויף. אזוי זײנען שוין דאָ עטלאכע צענדליק פאמיליעס, בחורים געקומען פון ישראל װאָס װעלן שוין, װארשײנלאך ,דאָ פארבלײבן. געפרעגט אײנעם, א געװעזענעם מאיאָר אין דער ישראל ארמײ, געבוירן אין בולגאריע, װי אזוי האָט ער געקאָנט פארבײטן אזא רײך און אינטערסאנט לעבן פון ישראל פאר אזא אָרים, גײסטיק קולטורלאָז לעבן אין פאנאמא-האָט ער מיר געענטפערט, דו ביזט טאקע גערעכט, אָבער דאָ זײנען פאראן דאלארס..און גרינגער צו לעבן.

װי געזאָגט פריער, צו מיר אפעלירט ניט דער אויסדרוק ״יורדים״ עס איז א ניט פאסיק װאָרט. פאר װאָס זײ קומען אהער, נו, דער מאָגן, װײזט אויס, שפילט נאָך א גאנץ באדײטנדע ראָל.

xxxxxxxxxxxxxx

ײדן האָבן דאָ אין פארלויף פון לעצטן פראָגרעס פון פאנאמא זײער פיל גענאָסן. קוקט איר צוריק מיט בלויז 25 יאָר און איר זעט אָן ארויפשטײג, עקאָנאָמישן װאָס איר שטוינט ממש. נעכטיקע קלאפער (פעדלער) און הײנט אײגנטימער פון פאבריקן, הורטאָװנע סוחרים און בויער פון ריזן געבײדעס װאָס פאנאמא האָט אפילו פון דעם קײנמאָל ניט געאנט..

ײדן זײנען דאָ ,מאנכע, אויסערגעװײנלאך רײך געװאָרן אין בלויז 25 יאָר. פאנאמא װערט ,גערופן ״דאָס הארץ פון דער װעלט״ פאראײניקט צװײ ריזן אָקעאנען: דעם אטלאנטישן און פאסיפישן . טוריסטן קומען דאָ אין די טויזנטער און אויך מיליאָנען פליסן ארײן פון דער אמעריקאנער רעגירונג. אזוי, אז פאנאמא איז אײנע פון די געצײלטע לענדער אפן לאטײנישן קאָנטינענט װאָס גײט אלץ פאָרויס אפן עקאָנאָמישן געביט. און ײדן נעמען א שטארקן אנטײל אין אָט דער אנטװיקלונג.

xxxxxxxxxxxxxx

נאטירלאך, מיר מוזן געדענקען, אז די אלע לאטײנישע לענדער שטײען אף א װאולקאן. קאסטראָ איז ניט ארונטערגעפאלן פון מאָסקװע אָדער כינע.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

ער איז געקומען אלס רעזולטאט פון געװאלטיקע אומצופרידנהײט. באַטש אלײן ניט קײן אנטיסעמיט, דאָך האָבן זײנע רעפאָרמען צעשטערט לחלוטין א גאנצן ישוב װאָס איז געבױט געװאָרן מיט שװײס פון שװערע האָרעװאַניע. אָנגעהאָרעװעט ײדיש האָב און גוטס איז אין אײן מינוט געבראכט געװאָרן אלס א קרבן אפן „מזבח פון דער רעװאָלוציע". אין כמעט אלע לאטײנישע לענדער לױערט די זעלבע געפאר. די געװאלטיקע אומגלײכהײט און די באדינגונגען שוידערלאכע װי עס לעבט דער אָרימער מענטש—די הפקרדיקײט פון יחיד און טױזנטער אנדערע זאכן, קאָנען פירן צו דעם װאָס עס פאָרגעקומען אין לאנד פון קאסטראָ. די פאָזיציע פון די ײדן, װי געזאָגט, איז אזא, אז טאָמער זאָל חלילה עפעס פאָרקומען װעלן זײ זײן פון די קרבנות, ניט אלס ײדן נאָר אלס רײכע..דאָ ליגט די געפאר. לאָמיר האָפן, אז די רעגירונגס פירער און די פירער בכלל פון די היגע לענדער, װעלן האָבן װיזיע צו זעען, אז דאָס אָרימע פאָלק מוז אויך עפעס געניסן פון דער שפע פון לאנד.

xxxxxxxxxxx

און װער קאָן פאָרױסזאָגן װאָס עס קאָן פאסירן אין דער װײטער, אָדער גאָר נאָנטער צוקונפט ? ײדן האָבן דאָך שטענדיק געלעבט מיט בטחון. און לאָמיר האָפן, אז ײדן װעלן לעבן דאָ אין פאנאמא װי אויך אין די אנדערע לאטײנישע לענדער אסך אסך יאָרן אין רואיקײט און קאָנען פאָרזעצן, ממשיך זײן אן אינטענסיװ ײדיש לעבן אין אלע פארשידענע פאָרמען.

xxxxxxxxxxxx

מײנע אויבנאויפיקע באמערקונגען זײנען א רעזולטאט פון א פערטל יאָרהונדערט דאָ אין פאנאמא. איך פרעטענדיר ניט אף רײן היסטאָרישע אָדער פאכמענישע אָבסערװירונגען. בלויז, װי געזאָגט בײם אָנהויב פון אונזער ארבײט: „מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון די ײדן אין פאנאמא", ניט מער..

שאָלעק פאנאמא

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxx

סיגי פאלענבוים.

אײנער פון די גרינדער פון דער ײדישער שול
„אײנשטײן אינסטיטוט„בכלל, אײנער פון די
אקטיװע טוער פון דער אשכנזישער קהילה
„ בית־אל„

* * *



ד״ר איגאָ גלאטשטײן

געװעזענער פרעזידענט פון דער „בית אל„
און אקטיװער טוער און בויער פון דער
אשכנזישער קהילה. געװען פרעזידענט פון
אײנשטײן אינסטיטו, בני ברית א א ח.

* * *



דער גײסטיקער און **רעליגיעזער** פירער
פון דער בית אל איז אונזער טײערער
חבר און פרײנט, ד״ר העשיל קלעפפיש.
זײן װירקונג, גײסטיקע השפעה, װעט
לאנג, לאנג בלײבן דאָ אין פאנאמא,
ניט בלויז אף דער יוגנט אין דער
שול, נאָר אויך אף דעם עלטערן דור.

* * *

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

די ערשטע וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פאר דעם איינשטיין אינסט. און וואָס האָבן געגעבן די ערשטע באשטייערונג צו שאפן א יידישע שול אין פאנאמא. שפעטער, זיינען, נאטירלאך געקומען נאָך וואָס האָבן געהאָלפן אויפבויען אזא הערלאכע אינסטיטוציע וואָס איז דער שטאָלץ פון די יידן דאָ אין פאנאמא.

****

נתן שוואַרץ. אקטיווער טוער אין דער אשכנזישער קהילה פון ערשטן טאָג אָן. לעצטע יאָרן, דער פרעזידענט פון „בית אל".



רחל שוואַרץ, זיין פרוי. איינע פון די אקטיווסטע טוערינס ארום דער שול, געוועזענע פרעזידענטן פון דעם מוטערס קלוב, טעטיק ביז היינטיקן טאָג.



אַהרן איזן איינער פון די וויכטיקסטע בויער, ענערגישער טוער פון דער שול ווי בכלל, פון יידיש אשכנזיש אָרגאניזירטן לעבן דאָ אין פאנאמא. געוועזענער פרעזיד. פאר יאָרן. היינט זיך באזעצט אין ישראל.

****

* * *

חנא װײנבערג. אײנער פון די גאָר ערשטע גרינדער פון דער קהילה „בית אל״ (פריער־בעניפיצענציא) אײנער װאָס האָט כסדר געזאָרגט פאר די פינאנסן פון דער אָרגאניזאציע, געװען פינאנץ מיניסטער(טרעזשורער(פאר כמעט אלע יאָרן, זינט דער אנטשטײאונג.

* * *

פרעזידענט פון „בני ברית״

פערעלעס. געקומען פון קאסטראָס קובא, נאָך א גאָר ײנגער בחור, און גלײך אָנגעהױבן פארנעמען א זײער בכבודיק פלאץ אין דער אשכנזישער קהילה. סעקרעטאר פון דער ערשטער מינוט אָן, אויך טעטיק אין דער קאָנסעכאָ „בני ברית.״ געבוירן אין קובא, געבראכט מיט זיך א װעלט דערפארונג אין געזעלשאפטלאכע ארבײטן.

* * *

מיר װילן זיך אנטשולדיקן פאר אלע יענע װאָס װערן ניט דערמאָנט און װאָס האָבן בײגעטראָגן צום בנין „בית־אל״. לאָמיר דערמאָנען בלױז עטלאכע:געװזענע פרעזידענטן:װאָלף,שטערן, יצחק אײזן,און אקטיװע מיט. ש. װישניצער, גראָבמאן, יצחק באָרענשטײן, מאָגולעװסקי, קארדאָנסקי א א.

די אשכנזישע גרופע האָט אָפּגעטאָן א פײן שטיקל ארבײט דאָ אין פאנאמא, ארײנגעבראכט טעטיקײטן, נײע, אין דעם היגן לעבן. און איבערהויפּט, דאָס גרעסטע, דױערנדסטע־דער „אײנשטײן אינסטיטוט, װאָס בלײבט װי א פעסטונג פון ײדישן חינוך אין צוגרײטן א נײע פירערשאפט פאר היגן ישוב.

* * *



אויסערלאכער אויסזען פון דער „בית-אל"



דער ארון קודש אין דער „בית־אל"

פאראן אויך א זאַל פאר קולטורעלע צוזאמענקומען

ביים פאָרהאנג

פון דר נ. סווערדלין

א געבענטשט לאנד פאר יידיש טעאטער.

מדינת ישראל איז א געבענטשט לאנד פאר יידיש טעאטער און פאר יוסף בולאָוו״–אזוי האָט זיך אויסגעדריקט די באקאנטע שוישפּילערן ליובא קאדיסאָן,ווען סאיז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט איר מאן,דעם באַרימטן שוישפילער יוסף בולאָוו קורץ נאָך זייער אָנקום פון ישראל.

אין דער יידישער מדינה שפּילן איצט גאנצע זעקס טעאטערס,וואָס ווערן באַזוכט פון אן עולם.און דער טעמפעראמענטפולער בולאָוו גיט באלד צו,אז א יידישער שוישפילער אין ישראל פילט זיך איצטער פונקט אזוי ווי די ווילנער טרופּע״האָט זיך געפילט בעת אירע אויפטריטן אין פוילן,רומעניע אָדער ליטע.סאיז ניט דערפאר ווייל מען פילט זיך אין א יידישער סביבה,אין אן אייגן לאנד,נאָר אויך דערפאר,ווייל יידיש טעאטער איז אן אינטעגראלער טייל פון לעבן.

* * *

126 מאָל האָט בולאָוו געשפילט י י זינגערס „ברידער אשכנזי״(66 מאָל אין תל אביב)ביי פול געפּאקטע הייזער. מען איז געקומען אין טעאטער, פריי־ווילּיק צו דער קאסע און געקויפט בילעטן.מען האָט ניט פארקויפט קיין בענעפיטן און מען איז ניט געגאנגען צו סאָסייעטיס מכוח בילעטן.און ווען מען איז ארויף אף דער בינע־האָט בולאָוו ממשיך געווען־האָט מען געפילט ווי טויזנטער אויגן קוקן אף דער מינדסטער באוועגונג פון דעם שוישפילער און ווערן פאקטיש אנטיילנעמער אין דער דראמע פון יידישן לעבן אין פוילן,וואָס איז אזוי קינסטלעריש און פאָרנעמיק געשילדערט געוואָרן פון א גרויסן שרייבער.

* * *

די „ברידער אשכנזי״ זיינען ניט געשפּילט געוואָרן לויטן נוסח מ. שווארץ.די ספּעציעלע אינסצעניזאציע איז דערגרייכט געוואָרן פון ל.קאדיסאָן און י.י.זינגערס זון.

די ישראל פרעסע האָט מיט געוואלטיקער ווארימקייט אויפגענומען די אויפפירונג,צו וועלכע עס זיינען געקומען דער פרעזידענט שזר און די סמעטענע פון דער אינטעליגענץ,ווי אויך עמך.שזר איז פייערלאך אויפגע-

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

נומען געװאָרן סײ פון פובליקום װי אויך פון דעם אנסאמבל מיט בולאָװן אין דער שפיץ.שזר האָט גערײדט אף ײדיש.

****

בולאָװ זעט 4 הויפט סבות פון זײן אומגעהוירן דערפאָלג:

א)דער עולם גײט אין ײדישן טעאטער,װעלכער ער באטראכט פאר אן אײגנס.
ב)די װארימע קריטישע אָפשאצונג און שפעטער אויך שטיצע פון דער פרעסע.
ג)א קאָמפעטענטער אנסאמבל,און ד)די קינסטלערישע קװאליטעט פון דער אויפפירונג,װאָס איז ארויסגעהויבן געװאָרן פון דער קריטיק און פון דער אינטעליגענץ

די ערנסטע צוגרײטונגען צו דער אויפפירונג פון „ברידער־אשכנזי״קאָנען געשאצט װערן פון די פראָבעס(רעפעטיציעס)האָבן גענומען פינף װאָכן.

יוסף בולאָװ און ליובא קאדיסאָן האָבן װײטער איבערגעגעבן װעגן א היפשן פארשטארקטן סענטימענט פאר ײדיש אין ישראל,װאו מען הויבט אָן אלץ מער אײנצוזען די װיכטיקײט פון אָפהיטן די ײדישע שעפפערישקײט אין די תפוצות. מען האָט זיך פון דער„הבימה״געװענדעט צו ליובא קאדיסאָן,אז זי זאָל זיך אונטערנעמען סצעניזירן א נאָװעלע פון א װיכטיקן ײדישן שרײבער פאר דער בינע.זי װעט עס מסתמא טאָן אין דער נאָנטער צוקונפט.דערװײל גרײט שוין בולאָװ א נײע פיעסע אויפצופירן בײ זײן נאָנסטן באזוך אין ישראל,צי אפשר גאָר אין ארגענטינע,װאו עס איז מעגלאך,אז ער װעט גאסטראָלירן. צום שלוס פון געשפרעך האָט ליובא קאדיסאָן איבערגעגעבן װעגן א פאטעטישן בריװ,װאָס בולאָװ האָט דערהאלטן בעת זײן באזוך אין ישראל.א בריװ פון קישינעװ. דעם בריװ האָט געשריבן א מאן,װאָס מיט 35 יאָר צוריק געװען א סטאטיסט אין דער„װילנער טרופע״בעת די טרופע־מיט בולאָװן־האָבן דאָרטן געשפילט. שרײבט דער מאן:זיצנדיק בײ זיך אין הויז,האָט ער פלוצים דערהערט בולאָװס שטים. נײן,דאָס איז ניט געװען קײן האלוצינאציעס,דאָס איז געװען בולאָװס שטים פון דער ישראל ראדיאָ אוידיציע„קול ישראל״.מיט „טרערן אין די אויגן און מיט א ברויזנד הארץ״האָט דער ײד געשריבן צו בולאָװן קײן ישראל...

****

בילדער פון דעם נאָנטן עבר.



מכבי הצעיר — אידישע ספאָרט־אָרגאַניזאַציע, בערלין, אין אָנהייב פֿון היטלערס צייט (ר. ווישניאַק).

ניט די יוגנט איז שולדיק

א. גאָלאָמב

פאראַן תורה,וואָס מען ווייס גוט וואָס עס שטייט געשריבן.מען ווייס יעטוועדן וואָרט.דאָס רופט זיך ביי ייִדן דער„ניגלה„ דאָס וואָס מען קאָן גלייך באַנעמען און דערקלערן.פאראַן אָבער א לערנען תורה,וואָס דער לערנער נעמט ארויס מער ווי דאָס פארשריבענע.דאָס געלערנטע רופט ביי אים גופא ארויס נייע און נייערע אידייען און געדאנקען.דאָס איז „סתרי־תורה„־דאָס פארבאָרגענע אין לערנען.

אויך א שפראך האָט די ביידע פאָרמען.א מענטש קאָן ויסן אלע טייטש ווערטער פון א גאנץ ווערטער בוך,און פאראַן קענען א שפראך, ווען יעטוועדער וואָרט רופט ארויס ביים ריידער און ביים הערער זייערע געפילן און געדאנקען.א געלערנטער האָט אמאָל געשריבן:אז ווערטער אין א שפראך זיינען ווי קלאַווישן פון א פיאנאָ.מען זאָגט א וואָרט,און דאָס רופט ארויס א גאנצע גאמע פון געדאנקען און געפילן.דאָס וועל איך רופן:„סתרי לשון„. איך קען ריידן א סך שפראכן,אָבער זייערע „ סתרי לשון„זיינען מיר פרעמד.אזוינע שפראכן זיינען מיר פרעמד. איטלאכער מענטש האָט א שפראך וואָס ער קען אירע „סתרי לשון„־דאָס איז זיין שפראך.די„סתרי לשון„ זיינען פארבונדן מיטן פאָלק וואָס נוצט די שפראך,וואָס האָט די שפראך געשאפן.א מענטש לערנט אויס א שפראך, איז דאָס אָבער נאָר דער„ניגלה„.מיט די„סתרי לשון„ דארף מען זיך איינלעבן אין משך פון יאָרן,אין משך פון דורות.

עס גייט אָן ביי אונז שוין באלד א יאָרהונדערט א„שפראכנקאמף„ „ריב לשונות„האָט עס אָנגערופן נאָך אחד העם אין זיין צייט.אָבער,מיר דוכט זיך,אז ביידע צדדים האָבן גאָר ווייניק אכט געלייגט אף די „סתרי־לשון„פון אונזערע ביידע שפראכן. פאר מיר איז די זאך בולט קלאָר געוואָרן דווקא איצט בעת מיין לענגערן באזוך אין מדינת ישראל.

בכלל גענומען,ווערט א ייִדיש הארץ איבערפילט מיט באגייסטערונג באוואונדערונג ביז א ברכה צו מאכן,ווען מען קומט אין דער ייִדישער מדינה אריין:ייִדישער כוח,מוח,מוט און גלויבן,האָבן אויפגעטאָן ניסים.

ײדן האָבן פון אײביק געבויט־פון פיתום און רעמסס אין מצרים ביז א ײדישע שטאָט לאָדזש,ביאליסטאָק,װײטשעפל אין לאָנדאָן,ביז א ברוקלין אין ניו יאָרק,ביז מעכטיקע ארבײטער אָרגאניזאציעס אין אמעריקע בכלל.

אָבער אלע מאָל איז דאָס ײדישע בויען געװען פארדעם אָדער יענעם פרעמדן „פרעה”. אין דער ײדישער מדינה בויען ײדן פיתום און רעמסס נאָר פאר זיך אלײן. xxxxxxxx

דאָס בויען איז פארבונדן מיט פראָבלעמען.זײנען דאָס פראָבלעמען פון אויפבוי.פון די אלע פראָבלעמען האָט אײנע מיך גאָר שטארק פארנומען.דאָס איז דער פראָבלעם פון דער דערװײטערונג,פון אָפפרעמדונג פון ײנגען דור.עס איז אלע מאָל פאראן א װײטקײט צװישן דורות,אָבער דאָ גײט עס ניט אין דורות,עס קומט אויס װי א פרעמדקײט פון פעלקער, צװײ פעלקער.עס האָבן אף דער טעמע מיט מיר גערײדט לערער,און נאָך מער־שרײבער,קולטור מענטשן,מען שרײבט א סך אף דער טעמע.מיט עטלאכע יאָר צוריק,האָט דאָס בילדונגס מיניסטעריום אין ישראל זיך דערטראכט צו א משונהדיקן מיטל:מען זאָל אײנפירן אין די שולן א באזונדערן לימוד „ײדיש באװאוסטזײן”(תודעה יהודית). מיר האָבן בשעתו ניט געגלויבט אין דעם מיטל: מען קאָן ניט אויסלערנען צו זײן א ײד דורך אײנחזרן א מין קאטעכיזם. הײנט איז עס שוין פאר אלעמען קלאָר אז דער לימוד פון תודעה יהודית האָט ניט געבראכט קײן געװאונטשענע xxxxxxxxxxx רעזולטאטן.

אין פלוג איז דאָ א מאָדנע דערשײנונג: די מדינה איז דאָס אײנציקע לאנד אין דער װעלט,װאו קינדער װאקסן און לערנען נאָר אין אײגענעם לשון.די גאנצע דערציונג פון קינדער גאָרטן ביז אוניװערזיטעט איז נאָר אין ײדיש לשון. עברית איז די נאטירלאכע שפראך אומעטום אין לאנד: דאָס לאנד,איטלאך װינקעלע אין לאנד איז פול איבערפולט מיט אידעאליזם,מיט גלויבן און מוט,מיט קרבנות,מיט פאר הײליקטע קברים פון אידעאליסטן.די יוגנט קען דאָס אלץ,מען זעט זײ אומעטום,מען לערנט עס־און דאָך פילט ניט די יוגנט איר נאָענטקײט צום פאָלק,װאָס פאר אים,אין זײן נאָמען,איז דאָס אלץ אויפגעטאָן געװאָרן.און די מדינה גיט אָפ גאָר אסך ענערגיע דער דערציונג: די

אלגעמיינע צאָל יידן אין לאנד איז נאָך דערווייל קלענער פון דער צאָל יידן אין ניו יאָרק, און אין דעם סעפטעמבער האָבן אָנגעהויבן לערנען ארום דרייפערטל מיליאָן יינגע אין די שולן –פון קינדער גאָרטן ביז די אוניווערזיטעטן. (דעם 6טן האלט מען איצט אין בויען אין באר שבע) אריבער צוואנציג טויזנט לערער, אָן עין הרע, מיט פעדאגאָגישע הערארכיע־מיט איין וואָרט: א מדינה. דער פּראָבלעם פון „אָפּפרעמדונג" איז אלעמען באקאנט. די יינגע לערער (און זיי זיינען די מערהייט) זיינען אליין ווייט פון דעם „גלות פאָלק". פון די עלטערע זיינען א טייל טאקע צופרידן. זיי גלויבן נאָך אין שלילת הגלות, א טייל מאכט שלום ניט ווילנדיק, אָפט מיט ווייטיק אין הארצן. מען רעדט זיך אראָפּ אָפט אף פארזאמלונגען, אף טעג פון אריינטראכטן זיך (ימי עיון) וואָס איז פאר זיך א גוטער מנהג. אָבער דער וואָגן בלייבט דאָך שטיין ווי ער איז געשטאנען... עס דוכט זיך מיר, אז א טייל דענקערס האָבן זיך יאָ דערטראכט צום אמת, אָבער עס איז נאָך ניטאָ דער נויטיקער מוט ארויס צוקומען אָפן, הגם אין פריוואטע געשפרעכן האָב איך עס געהערט נים איין מאָל.

xxxxxxxxxxxxx

אין וואָס באשטייט אָבער די עצם סיבה? וועל איך גיין כסדר: איך וועל זאָגן צוויי ווערטער: זויערע מילך און זויערמילך. דאכט זיך, עס איז דאָס זעלבע, אָבער דאָך ווי ווייט איינס פון צווייטן.

זויערע מילך–נעם איך און גיס אויס: עס טויג נים. אָבער, זויערמילך, דערמאָנט אונז אונזערע היימען, הייסע בולקעס מיט קאלטע זויערמילך; דורות יידיש לעבן. צוויי העברייאישע ווערטער: שלום עליכם און שלום. שלום עליכם־עליכם שלום–א שטיק דורותדיקע יידישקייט אחוץ שלום עליכמס נאָמען. אָבער „שלום", נאָך דערצו אין ספרדיש „שאלאָם"–האָט מיר געזאָגט א ווילנער פרוי אין ישראל, קלינגט איר נאָך אלץ פרעמד. אָט דאָ קומען מיר צום מקור פון דער מאָדנער טראגישע דערשיינונג, פאַרוואָס די יוגנט אין דער מדינה–די איינציקע אין דער וועלט, וואָס האָדעוועט זיך פרעמד צום יידישן פאָלק, צום „גלות פאָלק" צו זייערע אייגענע זיידעס, די פּיאָנערן, די חלוצים, די טרוימער און קעמפער. זיי די יינגע

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

ישראלים,האָבן ניט די„סתרי לשון„פון יידיש לשון,פילן זיי ניט קיין נאָנטקייט צום פאָלק פון די„סתרי לשון„ פאר זיי איז יידיש לשון,וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעהאָדעוועט,א פרעמדע שפראך.איז במילא אויך דאָס פאָלק,דער שעפער פון דער שפראך פרעמד,ווייט.און די חשיבות פון יידיש איז א קנאפע,ניט ווי ענגליש,למשל.איז אזוי דאָס פאָלק־ווי זיין לשון. און עברית זעס איז דאך ארכי־יידיש,הערער פון יידיש,דארף דאך עברית צובינדן די יוגנט צום פאָלק פון עברית!

איז אָבער פאראן גאָר א וויכטיקער„אָבער„,וואָס מען מוז אים ברייטער עטוואָס באטראכטן. אז אונזערער א „גלות ייד„ זאָגט א העברייאיש וואָרט,א ווערטל,א פסוק,א מימרא,איז דאָס ווידעראמאָל גענומען פון יידיש־לעבן,פון וויכוחים־מיט איין וואָרט־אונזער העברייאיש איז א שטיק דורותדיקע יידישקייט.מיר האָבן ניט געלערנט קיין עברית. אז א ייד רעדט יידיש איז ער,פאָטענציעל,אויך א העברייער.אז אזא ייד רעדט עברית,איז דאָס עברית פון דורותדיקער יידישער קולטור, פון יידישער תורה,וואָס האָט געלעבט אין פאָלק. האָט דאך טביה דער מילכיקער גענוצט און גערעדט מער פסוקים און מימרות פון איינעם וואָס האָט אויסגעלערנט זיין עברית אין אלע אולפנס. זיינען אזוי די ביידע שפראכן יידיש און לשון קודש צוזאמען ווי די צוויי לונגען,וואָס יידן האָבן דורך זיי געאָטעמט מיט יידישקייט און נאטירלאך אריינגעוואקסן אין פאָלק,ווי עס וואקסט אָן א יונג בלעטל אף אן אלטן בוים.יאָ געלערנט,צי ניט געלערנט,־ די„סתרי לשון„ האָבן שוין אליין אריינגעוועבט דעם יונגען יידן אין זיין פאָלק.ניט די דייטשווערטער פון דער שפראך,נאָר די„סתרי לשון„ ־אין זיי זיינען אָנגעזאמלט געוואָרן די געפילן,געדאנקען פון פאָלק.אין זיי זיינען די זאפטן פון פאָלקס נשמה און נאָר זיי קאָנען אריינגלידערן א מענטש אין זיין פאָלק. האָבן יידישיסטן געוואָלט מאכן בקיצר.האָט מען געשאפן צוגאָב־שולן אויסצולערנען די קינדער אביסל ריידן יידיש און יוצא. איז ממה נפשך:האָבן די קינדער געהאט היימען מיט א יידישן שטייגער און לשון,האָט די שול געקאָנט עטוואָס צוגעבן.איז די היים געווען אָן דעם,האָט אויך די שול גאָרניט געקאָנט אויפטאָן.

האָבן די העברייאיסטן געהאנדלט בעסער:זיי האָבן געוואָלט אויפבויען א גאנץ לעבן מיט העברייאיש,און אז עס איז אין רוסלאנד ניט געלינגען האָט מען פארלאָזט די חדרים מתוקנים און מען איז אוועק קיין ארץ ישראל,וואו קיינער און קיין זאך האָט ניט געשטערט צו בויען א גאנץ לעבן אין עברית.איז דאָס טאקע געלונגען-? מיט דער הילף פון דער מדינה-נאָך בעסער.אָבער דער עברית איז דאָך א נייער,ער האָט ניט קיין געמיינשאפט מיט דעם לשון קודש פון די דורות פון יידישן פאָלק, איבערהויבט פון דעם קולטור שעפערישן שבט פון פאָלק אין מזרח-אייראָפּע.איז דאָך דאָס דורותדיקע העברייאיש אין ישראל ניט מער חשוב ווי דאָס יידישע לשון. האָט נאָך אין 1927 דער אנערקענטער לערער פון עין חרוד,משה כרמי ע״ה,מיר געוויזן א בריוו וואָס זיינע תלמידים האָבן געשריבן צו ביאליקן מיט אביסל מוסר פארוואָס ער שרייבט...א שלעכטן עברית. xxxxxxxxxx

איז מיר אָפּט פשוט א רחמנות אף דער וואוילער יוגנט אין ישראל.וואָס וויל מען פון איר?-זעלנער זיינען זיי גוטע,דארף מען אָפּטאָן א פיין שטיקל ארבייט ערגיץ-זיינען זיי דאָ.מערניט,וואָס אין זייער פאָרשטעלונג פארנעמט דאָס יידישע גלות-פאָלק ניט קיין אָרט, און אויב יאָ,איז עס פונקט א נעגאטיוו אָרט.גענוג האָט די ליטעראטור און די שול פארמיאוסט ניט נאָר דעם גלות,נאָר טאקע און בעיקר,דאָס פאָלק אין גלות,זיין קולטור,זיין שטייגער,גאָר און גאָר.

איז דען א וואונדער וואָס פאר די סאברעס זיינען די גלות-יידן מיט אן איינגעבויגענעם רוקן (גב כפוף) און מיט א מיאוסן לשון,מיט מיאוסע פרנסות: וואָס זיינען געגאנגען צו דער שחיטה ״כצאן לטבח״(ווי שאָף צו דער שחיטה).זיי זעען אויך ביי די עלטערע ביי די לערער די גאנצע אכטונג וואָס מען האָט צו ענגליש,צו אנדערע שפראכן: זיי זעען ווי יידן פון מזרח אייראָפּע,וואָס זייער שפראך איז אייגנטלאך יידיש,נאָר זיי באמיען זיך צו ריידן דייטש,ווייל עס איז שענער...טאָ פארוואָס און מיט וואָסערע רעכט פארלאנגט מען פון דער יוגנט א בעסערע באציונג צום יידישן פאָלק אין גלות:פארוואָס זאָל די יוגנט ניט וועלן זיין אָפּרייסן פון דעם גלותדיקן פאָלק ?

(העם הגלותי) מען לערנט טאקע און מען ריידט עברית,דאָס אייביקע לשון פון יידישן פאָלק,אָבער וואָס מען לערנט איז גענומען ניט פון גאנצן פאָלק; מען לערנט יאָ תנ״ך,איז עס טאקע״תנ״ך איבער אלץ״אָבער ניט דער תנ״ך האָט געפורעמט דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק: היינט קענען קריסטן זיין מער תנכיסטן...מיט איין וואָרט,די ליבע אָדער פרעמדקייט צום יידישן פאָלק איז טאקע״בידי הלשון״.

אז די נעגאטיווע באציונג צום היינטיקן יידיש פאָלק איז מסובן האָט נאָך פארויסגעזאָגט אחד העם(אין אן עסיי נאָך זיין באזוך אין דער ערשטער העברייאישער גימנאזיע): אז די סכנה פון איבעררייסן די גאנצע יידישע קולטור טראדיציע איז איצט בולט קלאָר פאר אלעמען,איז ווידער קלאָר.אז עס איז די העכסטע צייט(אויב ניט צו שפעט) צו פארריכטן-פילן און וויסן א סך קולטור יידן. מען ריידט ניט, מען שרייבט ווייניק,נאָר ווייל עס איז פאראן ביי מענטשן א מורא ארויסצוברענגען געדאנקען,וואָס די מערהייט פון עולם איז ניט גרייט
‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡‡
אָנצונעמען.

מען בארימט זיך אָפט אז אין מדינת ישראל איז העברייאיש אויפגעשטאנען תחית המתים.איז דאָס ניט אמת:אין דער ראָלע פון לשון קודש האָט העברייאיש געלעבט ביי יידן אין דאווענען,אין לערנען,אין ברכות,געפלאָכטן מיט יידיש.און אז עס איז אויפגעקומען א וועלטלאכע קולטור,איז געקומען א ליטעראטור,א פרעסע,וואָס זיינען געווען פארשפרייט ניט ווייניקער,אָן אולפנים און אָן קורסן,קלאסן און פראָפאגאנדע,האָט געלעבט די שפראך צוזאמען מיט יידיש און ניט באדארפט אויפשטיין תחית המתים. אמת איז,אז דאָס היינטיקע עברית האָט א קנאפן שייכות צו אונזער לשון קודש.צי אברהם אבינו,משה און ישעיהו האָבן גערעדט דעם היינטיקן עברית,בין איך שטארק מסופק,אָבער אז אונזערע זיידעס,און עלטער זיידעס,וואָס האָבן גרינג פארשטאנען אלע שווערע ספרים אין לשון קודש,וואָלטן היינט גאָרניט גרינג צונויפגערעדט זיך מיט א סאברע.

און דער גאנצער סך הכל איז :ניט די יוגנט איז שולדיק, נאָר די גאנצע קולטור-פאָליטיק און דערציונג האָט אליין דערווייטערט

דיינגע דורות פון אלע זאפטן װאָס דאָס פאָלק האָט אָנגעשפייכלערט, אין משך פון יאָרהונדערטער אין אונזערע ביידע שפראכן,פון די „סתרי לשון„װאָס אין זיי איז די נשמה פון א פאָלק.אָן זיי קאָן א מענטש ניט געהערן צום פאָלק פון דער שפראך. אין האָב אמאָל געקענט גוט רוסיש,די גאנצע ליטעראטור,אליין געשריבן און זיך געדרוקט. עס איז אָבער פאר מיר געװען אן אויסגעלערנטע פרעמדע שפראך,אָן די זאפטן פון רוסישן פאָלק און איך בין ניט געװאָרן קיין רוס.אזוי קאָנען אויך יאנגע יידן מיט יידיש אָדער מיט עברית דאָך בלייבן פרעמד פון יידישן טראדיציאָנעלן פאָלק.

זיכער װעלן אין משך פון דורות װידער אמאָל זיין זאפטן נייע זאפטן,נייע –„סתרי לשון„אָבער–װעט עס זיין א המשך פון אונזער טראדיציאָנעלן יידישן פאָלק ?

xxxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxxxxxx

(פאָלק און װעלט) פון יידישן
װעלט קאָנגרעס.
xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx

דער ארטיקל װערט געדרוקט אפן סמך פון פרייען אויסטויש פון געדאנקען און מיר האָפן,אז מאנכע פריינט,ספעציעל פון ישראל, װעלן נעמען א װאָרט אין דער דאָזיקער ערנסטער פראָבלעם.

טייערע פריינט.מיר װילן איין דערמאָנען,אז איר זאָלט ניט װארטן חדשים ביז איר װעט איינצאָלן פארן יאָר 67 בולעטין. דאָס שרייבן אזויפיל בריװ,מאכט אונזער ארבייט שװערלאן. דעריבער,נאָכאמאָל,חשובער פריינט,פארלייכטערט אונזער פינאנץ סעקרעטארן און שיקט צו װאָס פריער אייער אָפצאָל. א דאנק.

xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxxxxxxxxxxxxx
xxxxx

פארוואלטערס ווינקל.

מלכהלע פרוכטענבערג ברוקלין

ניו יאָרק

טייערע פריינט. קודם כל וויל איך איך לאָזן וויסן,אז אדאנק אייער אָפרוף,זיינען מיר היינט בכוח צו האָבן עטלאכע דאלאר אין דער קאסע. באמת,אין אָנהויב,ווען מיר האָבן באנייט דעם בולעטין אין יאָר 1964 נאָך אן אָפרו פון עטלאכע יאָר,האָבן מיר זיך געשראָקן. מאנכע,זיינען געווען אביסל פעסימיסטיש,צי קאָן מען נאָך ווידער אויפוועקן אינטערעס ביי אונזערע לאנדסלייט צעוואָרפן אין פארשידענע טיילן פון דער וועלט־ און היינט,נאָך א משך פון העכער צוויי יאָר,האָט איר אונז באוויזן,אז די צוויפלער זיינען געווען אומגערעכט. עס לעבט דער ווילן ביי אלע פון אונז צו דערהאלטן דעם קליינעם אינזל ,אונזער פארשניטן יידיש לעבן צוזאמען מיט אונזערע טייערסטע און נאָנסטע.

מיר מוזן און וועלן געדענקען,אזוילאנג ווי מיר וועלן אָטעמען, די יעניקע וואָס נויטיקן זיך אין אונזער הילף. און וואויל איז יענע וואָס זיינען נאָך ניט פארשמאלציקט,און געדענקען זייערע חברים,נאָנטע, וואָס נויטיקן זיך נאָך אין אונזער הילף. ניין,מיר וועלן זיי ניט פארגעסן !

* * *

נאָך אמאָל וויל איך דערמאָנען יענע גרופן וואָס זיינען אביסל נאכלעסיק און שיקן אריין די געלטער זייער שפעט. בעטן מיר אייך,אז איר זאָלט זיך באמיען אונז אריינשיקן די געלטער ניט שפעטער ווי אין חודש פעברואר. מיר מאכן אונזערע וויטערדיקע פלענער לויט די פינאנסן אונזערע,דעריבער,וואָלטן מיר וועלן וואו מיר האָלטן אין אונזער קאסע. נאָך אמאָל,ווען איר שיקט א פאָטאָ,זייט אזוי גוט און שיקט גלייך צו פאר א גאנצע זייט 10 דאלאר ,א האלבע 5. אנאָנסן־צוויי דאלאר. קוקט נאָך דעם צעטל און זעט צי אייער ביטראג איז קוויטירט. אויב ניט,לאָזט מיר גלייך וויסן,און וועל דאָס קאָרעגירן אין קומענדן נומער.

* * *

א צוזאמענקום אין ניו יאָרק.

פון אברהם פרוכטענבערג

דעם 11טן דעצעמבער קומט פאָר דער מיטינג פון דער זשעלעכאָווער „סאָסײעטי" אין ניו יאָרק. דער פרעזידענט, שמעון וויערזשביצקי, עפנט דעם מיטינג, באגריסט אלע געסט וואָס זײנען געקומען און א ספּעציעלע באגריסונג צו דער יוגנט וואָס איז געקומען צו דער שמחה, חנוכה.

דער יום טוב הויבט זיך אָן מיט צינדן די חנוכה ליכטעלאך פון צוו־ ~~אבא~~ יעריקע קינדערלאך: בנימין וועירס אײניקל און גדליהוס טעכטערל. מיטן געזאנג „להדליק נר של חנוכה" ווי אויך אנדערע לידער ווערט דער יום טוב געעפנט. די טישן זײנען געגרײט על יד המלך, פון אלדאָס גוטס.

****

דעם זעלבן אָוונט איז אויך געווען נאָך א יום טוב פון זשעק און סילוויע ווער, זײער „אוניווערסערי", אלע פארזאמלטע האָבן זײ געוואונטשן נאָך אסך יאָרן פון צוזאמענלעבן און גליק. זשעק האָט אויך געוויזן א פילם פון זײער זונדעלעס בר מצוה, וואָס האָט שטארק אויסגענומען בײם עולם.

****

די סעקרעטארן מלכהלע גיט איבער א באריכט פון דער קאסע און פון די אלגעמײנע טעטיקײטן, שפעטער, אויך פון דעם זשעלעכאָווער בול. וואו מלכהלע איז די פארוואלטערן. נאָכדעם גיט דער פרעזידענט א וואָרט אונזער ערן פרעזידענט לײבל גרײצער. יעדעס מאָל ווען אונזער לײבל קומט, איז באמת א שמחה. דאָס מאָל, ניט געווען קײן אויסנאם. לײבל איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער „זשעלעכאָווער סאָסײעטי" אין ניו יאָרק, און אָפּגעגעבן א וועלט מיט ענערגיע צו דערהאלטן די דאָזיקע גאנצקײט. לײבל רײדט וועגן „בולעטין"; עס איז א פראכט און א כבוד פאר אלע לאנדסלײט אומעטום, אז מיר קאָנען ארויסגעבן אזא בכבודיקע שריפט, וואָס סײ מיטן אויסערלאכן אויסזען, און בפרט, מיטן אינהאלט, קאָן זיך ניט פארשעמען מיט די גרעסטע לאנדסמאנשאפטן. מיר פילן זיך אלע שטאָלץ און מיר האָפן, אז איר אלע וועט באטראכטן דעם „בולעטין" ווי א טײל פון אײער גײסטיק לעבן. איר דארפט, און האָף, אז איר וועט טאָן אלץ צו דערהאלטן די שריפט וואָס שפיגלט אָפּ אונזער פארגאנגען, פארשניטן יידיש לעבן און ברענגט פרײד אין אונזער הײנטיקן לעבן.

****

און לאָמיר ניט פארגעסן דעם דר״ינג: לייבוש,שאָלעק און מלכהלע,װאָס גיבן אָפּ אזויפיל ענערגיע,קענטעניש און װילן ארויסצוגעבן רעגולער צו דער צייט,אונזער,בולעטין׳. זאָלן זייערע הענט געשטאַרקט װערן. ד״נע לייד װערן באגלייט מיט אפלאָדיסמענטן...

עס װערט גלייך דורכגעפירט א זאמלונג װאָס ברענגט אר״ין 304 דאָלאַר דר״ הונדערט און פיר דאָלאַר.*******

דער אָװנט האָט זיך געשלאָסן מיטן אויסט״לן ש״נע מתנות אונזערע קינדערלאַך.

אברהם פרוכטענבערג ניו יאָרק

לייבל גרייצער	$ 50 דאָלאַר	באָראַכאָװיטש,בוך און בילד	10ד
גרושעצקים מ,	50 ״	א גאַליצקי	5 ״
אשר עסטר״ך	20 ״	גאַרפינקל,בוך	5
יש.אנגעלטשיק	15	גרינבלאַט בולעטין און בילד	15
ש. װיערזשביצקי	15	רבקה פאָטט,גאָלדשט״ן	5
פרוכטענבערג	10	ש זאַנװלס פרוזי	5
א.אלטשט״ן	10	רויזע װעיר,בוך	5
א,דאַנאָװיטש	10	שמעון װעיר,בוך	5
ג.װיערזשביצקי	10	ישראל װ״סמאַן,בוך און בולעטין	10
זש.װיערזשביצקי	10	שרה גאָלדפארב	5
רויזע װעיר	15	גרושעצקי,נעקראָלאָג	2
א העפנער	10	אסתר און שמעון װעיר	2
א גרינבלאַט	5		

*********************** סך הכל: 304,00 דאָלאַר

באַמערקונג פון אונזער פארװאַלטערן מלכהלע:

אין נומער בולעטין זיבן 7 איז געװען א באַריכט ביז דאַן. דער ה״נטיקער נעמט ארום די אר״נגעקומענע געלטער פון דאַן אָן און, נאַטירלאַך, די אויסגאַבן פון די בולעטינען 8 און 9. די אויסגאַבן פון נומער 10 ספּעציעלער נומער, ג״ט דאָ נאָך ניט אר״ן.

***

באריכט פון פארוואלטערן:

באָגאָטא: מאיר גובערעק	20 דאלאר	יצחק גובערעק	10 דאלאר
ד מאיר רובינשטיין	20 „	שמעון לאָטערשטיין	10 „
ענריקע גוטערמאן	18 „	אייזיק ווײנציער	12
חיים רובינשטיין	10	העלענא פערסיקא	20
ישראל גוטערמאן	10 „	יודיל העפלינג	5
פסח ווײנציער	20 „		

אויסגאבן פארן טוישן 3 דאלאר

געבליבן פאר דער קאסע 152,00 דאלאר

ארגענטינע אין פעזעס...לא קאָנקיסטא קלוב 50,00 פעזעס

אברהם ראָכווערגער	20	משה אײזענבערג	10
משה פאסטמאן	20	ישראל גובער	10
לייבל פאסטמאן	20	ל רובינשטיין	10
משה ווײנציער	20	(דע ראָפעלד)	
איטשע ליפשיץ	20	י רובינשטיין	10
ל אגרעס	20	ש רובינשטיין	10
שיפערמאן	20	מ ראָטערמאן	10
מאקס שלאק	20	ש ווײנציער	10
נאכטלער	15	מארק שלאק	10
באלטשע ווײסלעדער	5	א ווײנציער	10
		דוד קורצטאָג	5

***

צוזאמען אין דאלארס : 144,00 הונדערט
פיר און פערציק דאלאר.

אויסטראליע....213,85 צוו הונדערט,דרייצן דאלאר מיט 85 סענט.

***

שרה קאנער	5 דאלאר
ס באָרענשטײן	9
ש באָרענשטיין	3

צוזאמען 17 דאלאר

****

באראנקילא.

דערהאלטן פון קיילע ,זקאָוויעצקי

38,00 דאלאר

32,00   צוזאמען פון באראנקילא

60,00   170,00 הונדערט ,זיבעציק דאלאר

כאבערמאן קאליפאָרניע   30,00 און וואטניק 10 דאלאר

****

ישראל.   דערהאלטן פון אריה לעדערמאן

10,00 איש טוב,70,00,60,00

צוזאמען: 140,00 דאלאר

****

פאריז...געשיקט דורך מעסינגער

וואסערמאן,שטערן,פייגענבוים,אנקערמאן,מעסינגער,שולמאן,שיטעלמאן,
לעדערמאן,טארלאָ,גאָטהעלף,לוקאָוויעצקי,וואָראָווניק,ראָזענוויין,גאָלדנאָדל,
שניידער,שאלעט,דרומלעוויטש,ווײנבערג,גליקמאן,וויינציער...
אלע האָבן געגעבן צו 4 דאלאר א חוץ פרוי ווײנבערג און וויינציער צו
10 דאלאר יעדער.   געלבארט,העפנער און זילבערשטיין צו 2 דאלאר

צוזאמען   96,00 דאלאר

שמעון פייגעזיכם   10   צוזאמען   106 דאלאר

****

אברהם גאָלדשטיין בראזיל 75,00 דאלאר (אויך 50 דאלאר פאר דער ליי-
קאסע)
שלום זילבערקנאָפּ   10,00
צוזאמען : 127,00
הערשל קאלין   5,00
אויסטויש 5,00
בילדער קאלין   35,00
בלייבט פאר דער קאסע 122,00 דאל.
שרהלע ניימאן   2,00

****

גיטעל העפנער ארובא 10,00 דאלאר   שמעון באראן בילד 5,00

חיים מינסטער טרינידאד20,00   רפל אייבענבערג 20,00

ברך פערקאל קאנאדא 10,00

צוזאמען: 65,00 דאלאר

באריכט פון דער קאסע פון בולעטין:

פון פריער געווען- 28, 843 דאלאר

פראָצענטער ,באנק 44,72

ארײנגעקומענע געלטער 1,433,85 דאלאו

------------------------ צוזאמען:2,321,85 דאלאר

אויסגאבן פאר די נומערן,8 און 9

815,00

מלכהלעס 18,56 אויסגאבן

לייבוש 11,55 אויסגאבן

„ייוואָ״,בילד 5,00 צוזאמען אויסגאבן: 850,11 דאלאר

בלייבט אין קאסע: 1471,74 דאלאר. דאָס שליסט נאָך ניט אײן דעם נומער 10 וואָס וועט זײן א ספעציעלע פארגרעסערטע אויסגאבע.

* * *

ארײנגעקומענע געלטער פארן יאָר 1967,און ווידער,אויסטראליע אפן ערשטן פלאץ. הערשל אלטמאן האט אונז געבראכט 280 דאלאר פארן בול. צירעלע און אייבי דאָבינס פון לאָס אנזשעלעס,נים קײן זשעלעבאָווער,10 ד. א בילד פון שמעון פײנגעזיכט 10 דאלאר. א בייד פאר אויסטראליער באנקעט לכבוד די אלטמאנס און באגריסונג --באצאָלט הערשל אלטמאן 12 ד. פון אויסטראליע:הערשל באָרענשטיין,אהרון דוד באָרענשטיין,חיים באָרענשטיין,וועלוול בראָווסקי,אהרון בראָווסקי,איטשע צאצקעוויטש,זיגמונד פירשטענבערג,יאנקל גאָלדמאן,שמואל גאָלדשטיין,שמואל האָכגעלערנטער, משה ייגליצקי,אלטער קליינמאן,מענדל קורצארזש,מאיר קאר׳קורצארזש) חוה ליכטענשטיין,הערשל מיאָדאָווניק,ישראל ניישטעטער,גדליהו אָשלאק, יאָסל אָשלאק,גדליהו אָשלאק,מאָטל ראָטפארב(ראָט)פסח ראָטמאן,חנטשע רובינשטיין,הענרי שפרינגער,יחיאל טיילאָר,אריה טענענבוים, צוזאמען יעדער צו 6 דאלאר--- 150,00 אויסטראליער דאלאר. און א 100 דאלאר פון דער הכנסה פון באנקעט..צוזאמען מיט דער הוין פון זייער דאלאר (זייער דאלאר איז אין די שטאטן 112)צוזאמען 280,00 דאלאר

***

מזל טוב

Jaya Tishler y Jaime Koss

contraerán matrimonio en la Sinagoga "Shaarei Tzion",
el domingo 8 de enero de 1967, a las 7 p. m.

* * *

Sus padres:

Benjamín Tishler N.	*Moisés Koss R.*
Tema F. de Tishler	*Hilda R. de Koss*

se complacen en participarlo e invitan a usted(s)
a la Ceremonia Religiosa y a la Recepción
que se ofrecerá en los Salones del Centro Israelita,
situados en el Paseo Colón.

Dirección Cablegráfica: "Tiko"　　*San José, Costa Rica*

מזל טוב און אסך גליק װאונטשן מיר אונזערע טײערע פרײנט, דעם ײנגען פּאָרל חנה טישלער און זשעמי קאָס, און אונזערע חשובע און ליבע פרײנט בנימין און טעמא טישלער. דערלעבט אסך נחת און גליק און אויך פון זײערע קינדערלאך.

זשעלעבאָװער גרופּע קאָסטע ריקע
סעקרעטארן צירעלע רידעלמאן

* * *

אויך די זשעלעבאָװער איבער דער װעלט װאונטשן אײך די ליבע עלטערן קאָס און טישלער אסך יאָרן פון גליק פון אײערע קינדער. נאָר אף שמחות.

די גרופּע אין פאנאמא װאונטשט אײך טײערע עלטערן טישלער און קאָס פיל נחת און גליק פון אײערע טײערע קינדער.

אײזיק ראָטערמאן　סעקרעטאר　פאנאמא

* * *



XXXVII. MICHELANGELO: *Moses;* Chiesa di San Pietro in Vincoli, Rome, Italy.

ויפן וירד משה מן ההר ושני לחת העדה
בידו לחת כתבים משני עבריהם מזה
ומזה הם כתבים.והלחת מעשה אלהים
המה והמכתב מכתב אלהים הוא חרות
על הלחת.

(שמות לב טו־טז)

* * *

און משה האָט זיך אומגעקערט,און האָט
אַראָפּגענידערט פון באַרג,מיט די צװײ
לוחות פון געזעץ אין זײַן האַנט,לוחות
באַשריבן פון בײדע זײַטן:פון דער זײַט
און יענער זײַט זײַנען זײ געװען באַשריבן.און די לוחות זײַנען געװען די
אַרבײַט פון גאָט,און דער כתב איז געװען
דער כתב פון גאָט,אויסגעקריצט אף די
לוחות. (ײדיש־יהואש)

* * *

די סטאַטוע „משה" איז דאָס װערק פון אײנעם פון די גרעסטע מײסטער אין דער װעלט. מיקל אַנזשעלאָ איז געװען :מאָלער,סקולפּטאָר,פּאָעט און אַרכיטעקט. געלעבט אין איטאַליע געב.אין יאָר 1475 געשטאָרבן אין יאָר 1564. יגעװאָרן א לעגענדע נאָך בײַ זײַן לעבן. װערט פֿאַררעכנט פון דער װעלט אלס דער גרעסטער קינסטלער װאָס האָט װען געלעבט.זײַן גאונות שטײַגט איבער װעלכע עס איז פֿאַנטאַזיע.

װעגן סקולפּטור-זײַן ליבלינג-זאָגט ער:„עס איז די באַפרײַאונג פֿאַרשטעלונג װאָס ליגט באַהאַלטן אין שטײן".

* * *

די סטאַטוע „משה"פֿאַרקערפּערט אין זיך זײַן שטרעבונג צו פּערפֿעקטקײט און אײביקײט. די סטאַטוע רײדט צו דורות,גענעראַציעס אלס סימבאָל פון די הױכקײטן צו װעלכן דער מענטש קאָן דערגרײכן.

* * *



ר״דע געהאלטן פון אונזער חשובן פריינט און טעקרעטאר פון דער זשעלעכאָװער גרופּע אין אויסטראַליע.

* * *

חשובע פריינט. מיר טרויערן היינט דעם 24סטן יאָרצייט אפן אומקום פון אונזער קהילה, װאָס איז געװאָרן אָפּגעמעקט פון גאָטס ערד. עס איז נים קיין יאָר צייט נאָך א טאטע אָדער מאמע, עס איז א יאָר צייט נאָך מיליאָנען װאָס זיינען אומגעקומען פון די מערדערישע נאצים. איך בין דאָרטן ניט געװען, זייער גורל נים געטיילט, זייער פּיינען און אגאָניע געשפּירט, אין בין דער גליקלאך־אומגליקלאכער, לעבן געבליבענער פון א פארצװייגטער משפּחה. און פון װיפיל משפּחות איז קיין איינער נים געבליבן — איך בין געבליבן דער קדיש זאָגער, נאָך מיינע טייערע עלטערן, ברידער און שװעסטער, קינדער, און נאָך דער קהילה אונזערע, א קהילה װאָס האָט צוזאמענגעשטעלט אין מיניאטור פאָרם, דאָס גאנצע יידישע לעבן אין פוילן מיט אלע שאטירונגען פון: לומדים, רבנים, לוסטערע יידן װי שמעון מאיר ענגעלס, און פשוטע הארציקע יידן פון א גאנץ יאָר, װאָס האָבן געלעבט א שװער לעבן און דאָן װייטער געהאָפט און געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדים פון יידישער שאפונג יידיש לעבן. פארטײען, װעלט אויסלייזער פון אלע שאטירונגען, זיינען געװען אף דעם קליינעם אינזל, זשעלעכאָװ. אלץ איז פארשניטן געװאָרן...

אפשר, װאָלט פון די טרערן פון די לעבנגעבליבענע א מבול געװאָרן, האָט דאָן אָבער גאָט געשװאוירן נים מער צו ברענגען א מבול אף דער װעלט. און דערויף האָט ער געגעבן דעם רעגנבויגן צו דערמאָנען, אז ער האלט פון זיין שבועה. — אז זיין פאָלק װעט זיין װי די שטערן און װי זאמד אף דער ערד... און דער לעצטער טייל איז מקוים געװאָרן. יעדער מערדער אין פארלויף פון גענעראציעס האָט געטראָטן אף אונז...

* * *

און דער טאַטע אין הימל, װאָס פאר אים איז ניט פארהוילן קיין זאך, האָט צוגעזעען װי א גאנץ פאָלק, זיין פאָלק, דאָס אויסדערװיילטע, איז אין בלוט אָפּגעגאנגען, און געשװיגן... א מיליאָן און א האלב קינדערלאך, משהלאך און שלמהלאך, שרהלאך און רבקהלאך, טייערע יידישע ליכטיקע קעפּעלאך אין די פייערקאמערן פארצערט געװאָרן. װי אזוי האָט די װעלט װי אזוי האָט דער געװיסן פון דער װעלט ניט אויפגעריסן די גאז־קאמערן ? װיאזוי ? די װעלט האָט געשװיגן, װען די דייטשע, אוקרײנישע מערדער שטיװל האָבן ברוטאל צעטראָטן אונזערע קינדערלאך ?

און איך, גליקלאך־אומגליקלאכער צוזאמען מיט א הייפל געבליבן ... כדי צו זאָגן קדיש אף אונזער בראָך, יתגדל ויתקדש !! געגרויסם און געהייליקט איז דער נאָמען פון באשעפער...

יזכור זשעלעכאוו

מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָנען מיר דעם 24־יאָריקן אומקום פון אונדזערע טאַטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער, פרויען און קינדער, און די יידישע קהילה פון אונדזער שטעטל זשעלעכאָוו, וואָס זענען אזוי גרויזאם אומגעבראכט געוואָרן דורך די בלוטיקע הענט פון נאַצישע מערדער, צוזאמען מיט א דריטל פון אונדזער יידיש פאָלק.

מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פארגעסן!

זשעלעכאָוו, דאָס שטעטעלע, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט ארומגענומען אלע שיכטן אין דער יידישע געזעלשאַפט, איז געווען איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פוילן. עס האָבן דאָרט פארנומען דעם כסא־הרבנות, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אין די גאָר ערשטע צייטן, און נאָך א רייע גרויסע גאונים. אויך אין אונדזער צייט האָט זשעלעכאָוו ארויסגעגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן ווי ר׳ שמעון ענגעל, ראש הישיבה פון דער לובלינער ישיבה, ווי אויך גרויסע שרייבער, ווי ווייסענבערג, יחיאל לערער און שלמה ברײנסקי.

זשעלעכאָוו האָט געברויזט מיט פארשידענע אָרגאניזאציעס קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, פון רעכטס ביז לינקס. אויך הילף פאר דעם מענטש צו העלפן אים אין דער ריכטיקער צייט. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מען האָט יידן ארויסגעטריבן פון זייערע היימען, פון די שטעטלעך ארום זשעלעכאָוו, ווי דעמבלין, ריקע, גאַרוואָלין און אנדערע, זענען די יידן געקומען קיין זשעלעכאָוו, ווייל דאָס שטעטל איז געלעגן אין א זייט און מען האָט פון דאָרטן נישט ארויסגעטריבן, האָט יעדער ייד געעפנט זיין היים און אריינגענומען פּליטים און געמאַכט יעדן פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

און דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אויך מענטשן געשטראָמט קיין זשעלעכאָוו, אָבער לײדער האָט שוין די מערדערישע האַנט אויך דערגרייכט אהער אין הושענה־רבה 1943, און אלע יידן געשיקט אין די גאַז־אויוונס.

די יידישע יוגנט אין זשעלעכאָוו האָט העלדיש געקעמפט אין די פּאַרטיזאנער־גרופּן און אוועקגעגעבן זייערע לעבנס כדי צו העלפן אנדערע. דריי ברידער פון דעם שרייבער פון די שורות וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין קאַמפן קעגן די נאַציס, אייניקע פון זיי וואָלטן זיך אפשר געקאָנט ראַטעווען, האָבן אָבער באַשלאָסן ווי שמשון הגבור: תמות נפשו עם פּלשתים.

און אזוי זענען אומגעקומען אונדזערע טייערסטע אויף קידוש השם.

כבוד זייער אָנדענק!

יחיאל טיילאָר

דאָס דאָזיקע ארטיקל איז געװען אָפּגעדרוקט אין דער פרעסע פון אונזער חשובן פריינט טיילאָר, איינער פון אונזערע טעטיקסטע אין יידישן ישוב חי אוין ביי די זשעלעכאָװער.

* * *

דער גאנצער פערסאָנאל פון יאָשע קאלב מיט האָבגעלערנטער אין
דער הויפט ראָל.א פיינע ,באמת,טאלאנטפולע פאָרשטעלונג געווען.

ישראליק האָבגעלערנטער מיט די הויפט ראָליסטן..אויסטראליע
אונזער ישראל האָבגעלערנטער(א משפחה פון די
אלטמאנס) דער דריטער פון רעכטס.

א פראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונג פון יאָשע קאלב . אױסטראליע.

געװען בײ א פאָרשטעלונג אין מעלבאָרן,אױסטראליע,און בין ,באמת,געװען איבעראשט פון דער פײנער,עכט קינסטלערישע פראָפעסיאָנעלקײט.

איך אלײן האָב אױך „אונטערגעזינדיקט" אױף דעם דאָזיקן געביט,נאָך פון פארגעס׳ צײטן,אױך אין די שטאטן,פאר יאָרן מיט דער „פאָלקס-בינע" אין לאָס אנזשעלעס,מוז איך אײך זאָגן,אלס א שטיקל פאכמאן,אז איך האָב באמת הנאה געהאט. דער גאנצער אנסאמבאל,די הױפט אקטיאָרן,האָבן איבערגעלאָזט א פײנעם געשמאקפולן טעם פון אמתע קינסטלער. און איבערהױפט,דער הױפט ראָליסט,אונזער ישראליק האָבגעלערנטער,װאָס האָט געשפילט ניט ערגער(דערלױבט מיר אזא געװאגטקײט...)פון מאָריס שװארץ,אין אמאָליקן ניו יאָרקער „קונסט טעאטער".

פײנער שפיל װאָס איז זעלטן צו געפונען בײ אמאטאָרן-טרופעס. די רעזשי,דער אנסאמבל,אלץ,אלץ האָט „געקלאפט" װי געהעריק. און װילן מיר דאנקען הארציק אלע אקטיאָרן און איבערהױפט אונזער משפחה-האָבגעלערנטער,פאר דעם גײסטרײכן אָװנט. מיר װאונטשן אײך אלע,אָן אױסנאם,דערפאָלג אין אײער װײטערדיק-שעפערישע ארבײט. ײדיש לעבן,בכלל ײדיש טעאטער,װי מיר געדענקען דאָס פון דער אלטער הײם, װערט װײניקער פון טאָג צו טאָג,אפילו אין רײכן אמעריקע מיט איר זעקס מיליאָניקע ײדישע באפעלקערונג. איז דעריבער,א תענוג צו זען װי אין אױסטראליע,א ײנגערער און קלענערער ישוב,איז טעאטער, ײדיש טעאטער,נאָך אלץ א טײל פון גײסטיק ײדיש לעבן. זײט געשטארקט טײערע פרײנט און גײט אָן מיט אײער ארבײט. מיר װעלן דעם פײנעם אָװנט מיט אײך,װי בכלל,אײערע פרײנטלאכע באציונגען צו אונז לאנג געדענקען מיט דאנקבארקײט און ליבשאפט.

* * *

הערשל,פרידע אלטמאן פאנאמא

* * *



אטײל פון עולם ביים באנקעט לכבוד די געסט,הערשל און פרידע אלטמאן
פון פאנאמא:גאָרפינקל,מרס און מר ראָט מרס מר האָכגעלערנטער,פרידע
הערשל אלטמאן,בוימאויל,דאָרע,זשעק עדעלשטײן,ײגליצקי,מרס גאָלדמאן,
קורצארזש,י טײלאָר,מר מרס ראָטשטײן זיגמונד פירשטענבערג,מר מרס באָרען
שטײן,ג אָשלאק,רחל יגליצקי,רבקה צאצקעװיטש,נײשטערן און צאצקעװיטש.

* * *

אונזערע ליבע פריינט י. אָשלאק און פרוי, פריינט באָרדן און פרוי
מיר וואונטשן אייך אסך נחת און גליק פון אייערע קינדערלאך.

הערשל און פרידע אלטמאן. פאנאמא.

Mr. & Mrs. J. Oshlack
with
Mr. & Mrs. J. Borden
request the pleasure of the company of

MR & MRS ALTMAN

to celebrate the forthcoming Marriage of their Children

Shirley
and
Phillip

at the
Elwood Synagogue, 39 Dickens Street, Elwood
on
Sunday, 15th January, 1967 at 4.30 p.m.

Reception at "Stanmark"
441 Inkerman Road, East St. Kilda
at 8.30 p.m.

Kindly respond on or before
1st January 1967.

103 Belford Rd., Nth. Kew
85-5364

ב"ה

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

מר. און מרס. י. אשלאק
און
מר. און מרס. י. בארדען

האבן דעם כבוד אייך איינצולאדן צו דער חתונה
פון זייערע קינדער

שרה
און
אפרים

די חופה וועט פארקומען אין דער
עלוואוד שול, 39 דיקענס סטריט

זונטיק, דעם 15טן יאנואר, 1967
4.30 נ״מ.

די אויפנאמע קומט פאר אין
«סטענמארק», 441 אינקערמאן סטריט, סט. קילדא
8.30 אוונט

יזכור אָוונט אין אויסטראַליע.

זונטיק,דעם 9טן אָקטאָבער,זיינען די זשעלעכאָווער זיך צוזאַמענגעקומען אפן קאָלטאָנער בית עולם ביים מצבה מאָנומענט מזכיר זיין זייערע , עלטערן,שוועסטער און ברידער,קינדער און אייניקלאך,און בכלל,קדושים וואָסזיינען אומגעקומען פון די מערדערישע נאציס און זייערע מיטהעלפער.

חזן אדלער זאָגט אייניקע קאפיטלאך תהילים און מאכט די הזכרה אלע מענער זאָגן קדיש. נאָכדעם גייען אלע אין דער „קדימה״ זאל. דער זאָל ספעציעל דעקאָרירט פאר דעם צוועק פון טרויער.

ווי יעדעס יאָר,הויבן מיר אָן מיטן רעליגיעזן טייל:יחיאל טיילאָר דאוונט מנחה,נאָכדעם זאָגן אלע קדיש. א קינד צינדט אָן די 6 ליכט.

דער פרעזידענט מ. ראָט עפנט דעם אָוונט מיט א הארצרייסנדע ריידע,ער זאָגט,ניט אומזיסט זאָגן מיר שטענדיק ביים דאווענען:„אתה בחרתנו מכל העמים״ מיר זיינען געווען אנדערש טאקע ווי אלע אנדערע פעלקער..ווען די מערדער האָבן פארברענט דאָס גאנצע דאָרף,לידיצע,אומגעבראכט 100 טשעכאָסלאָוואקן,האָט די וועלט אויפגעהויבן א ריזיקן פראָטעסט,און מען האָט זיך אין יענעם לאנד ניט איבערגעחזרט אזא ברוטאליטעט!מיר,דאָס „אתה בחרתנו״ פאָלק,אונז,האָט מען א דריטל,זעקס מיליאָן,אונזערע אויסגעמאָרדערט,און די וועלט,די אזויגערופענע,פרייע וועלט,האָט געשוויגן!! ניין,מיר וועלן דאָס קיינמאָל פארגעסן,אזוילאנג ווי מיר וועלן אָטעמען !

* * *

הערשל בערנשטיין לייענט פאָר קידוש השם פון ש. ניגער.

נאָכדעם ריידט שמואל האָכדעלערנטער. ער שילדערט זיין לעצטן וועג קיין טרעבלינקע,און וויאזוי ער,און נאָך אייניקע זיינען ארויסגעשפרונגען פון לויפנדיקן צוג און זיך געראטעוועט.

עס ריידט ישראל נייסטעטער:ער שילדערט זיינע איבערלעבונגען,אין בונקער און שפעטער אין די וועלדער מיט די פארטיזאנער.

ג. אָשלאק לייענט פאָר זיין ריידע(געדרוקט אף א צווייט פלאַץ) און סריידט פ. געסט, גורפינקל,זי שילדערט די שוידערלאכע סצענעס ,ווען מען האָט די לעצטע נאכט געכאפט אלעמען צו דער ליקווידירונג פון דער געטאָ.פייגל ייגליצקי רעציטירט „די שווארצע נאכט״מיטן פארטיזאנען-ליד,

אויסטראליע האָט דאָס װאָרט. ג. אָשלאק

* * *

סעפטעמבער 1966 האָבן די זשעלעכאָװער אין אויסטראליע צו פארצײכענען אן אומגעריכטן,צוגעקומענעם יום טוב. אומגעריכט דערפאר,װײל ביז דעם דאטום,האָבן מיר ניט געהאט די זכיה,אז װעלכער זשעלכאָװער פון א צװײט לאנד זאָל אונז קומען באזוכן. מען האָט זיך אײנגערײדט,אז אויסטראליע איז דער װײטסטער קאָנטינענט,און דאָס שרעקט אָפ. װאָלט עס געװען ריכטיק, אײדער דער לופט פארקער איז געװען.הײנט אָבער,איר זעצט זיך ארײן אין דעם אײנגעװײד פון שטאָלענעם פויגל און אין עטלאכע שעה זײנט איר שוין דאָ אין אויסטראליע.זעט איר,װען איר דארפט פאָרן מיט אליהו משהלעס,אזוי װי מען איז געפאָרן פון אונזער שטעטל קײן װארשע---איז שוין א צװײטע זאך.

* * *

נו,שוין באלד 30 יערעלאך װי דער שרײבער פון די שורות געפונט זיך אין אויסטראליע,און יעדע עטלאכע חדשים פראװן מיר א יום טוב װי עמיצער פון אונז פאָרט באזוכן פריינט,פאמיליע אין אלע,כמעט,לענדער פון דער װעלט-אָבער,עמיצער פון דרויסן זאָל אונז קומען באזוכן--נו, האָבן מיר זיך דערװארט. אין א שײנעם טאָג,שטעלט זיך ארײן,א פאָרל אזש פון...פאנאמא,הערשל און פרידע אלטמאן.שטעלט אײך פאָר,זיך דערװארט אף אזא יום טוב נאָך 30 יערעלאך...מיר האָבן דעלעגירט צװײ [illegible] זײ אָפװארטן,אָבער,אזוי װי די שיף האָט זיך פארשפעטיקט זײנען שוין געקומען נאָך פריינט זײ אָפװארטן.און די יעניקע װאָס האָבן ניט באװיזן צו גײן צו דער שיף,זײנען געקומען אין הויז פון זייער פאָטער,ש. בוימאײל זײ אָפגעבן שלום עליכם.

* * *

פרידע איז א טאָכטער פון אונזער חשובן לאנדסמאן,חיים שמעון בוימאײל און הערשל,א ברודער פון שאָלעק אלטמאן. און מיר האָבן באלד דערזען צװײ הארציקע,עמך מענטשן,אונזערע אײגענע װי אלע זשעלעכאָװ.

זײ האָבן פארבראכט מיט אונז א זײער קורצע צײט(א שאָד,באמת) און װי אזוי מיר האָבן זײ „אָבאזשעװעט״ לאָז איך איבער פאר זײ צו דערציילן...מאָנטיק אָװנט,דעם 13טן נאָװעמבער,איז געװען דער שלום באנקעט פון דער גאנצער גרופע, געװען ארום עטלאכע און זעכציק מענטשן(כן ירבו).

* * *

דער פרעזידענט פריינט ראָט עפנט דעם אָוונט און געזעגנט זיך מיט די געסט און גיט דאָס וואָרט צו פאַרשידענע פר־נט וואָס באַגריסן און געזעגענען זיך מיט די חשובע פריינט.דוד ראָטשטיין,שמואל האָבגעלערנטער, ישראל ניישטעטער,משה ייגליצקי און ג. אָשלאַק.

דער גאַסט הערשל ר דם אין זיין נאָמען ווי אויך אין נאָמען פון זיין פרוי און באַדאַנקט האַרציק אַלעמען פאַר דעם כבוד און גאַסטפר נטלאַבקייט וואָס כמעט אַלע האָבן אים ארויסגעוויזן. ער בעט אנטשולדיקונג ביי יענע וועמען ער האָט נים געקאָנט ארויסווייזן אזויפיל צייט ווי פיל, זיי האָבן פאַרדינט. לאָמיר האָפן,אז מיר וועלן זיך נאָך זען אין נחת און מיר וועלן דאָס פאַרגיטיקן.מיר פאַרזיכערן אייך.

דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די פריינט פראַדיל געסט מיט איר מאַן מענדל און איר זון לייבל,ז פאָרן קיין ישראל און מיר וואונטשן זיי גליק אין זייער נייער היים.

איצט ווייזט אויס,אז הערשל און פרידע האָבן געמאַכט א פיינעם אָנהויב.ווי פריער געזאָגט,אויסטראַליע איז געוואוינט צו שיקן טוריסטן. אָבער מיר דערוואַרטן,אז אויך איר זאָלט שיקן אהער אביסל...מיר פאַרזיכערן אייך,אז איר וועט נים באַדויערן.

איצט זיינען ביי אונז דאָ די געסט פון ישראל,דאָס פאָרל, משה און חייקע ברזלי(אייזנבאַנד)בין זיכער,אז ווער עס האָט נאָך באַזוכט ישראל,ווייס ווער זיי זיינען. זיי זיינען פון די טעטיקסטע סיי אין אונזער ארבייט ווי אויך מקרב זיין געסט. אָט טאַקע וואָס עס זאָגט די הייליקע שריפט״שיק דיין ברוים אפן וואַסער״דאָ געפונען זיי זייערס צוריק. און שילדערן ווי אזוי זיי פאַרברענגען דאָ,באמת,איז מיין פעדער צו אָרים.גענוג צו זאָגן,אויב ווילן זיי פאַרבעטן צו זיך,דאַרף מען אראַנזשירן כמעט צוויי וואָכן פאָרויס..און גלויב,אז ווען זיי וועלן זיך צוריקקערן געזונטערהייט ,וועלן זיי מאַכן א חשק אנדערע אונז צו באַזוכן,כמעט אזוי ווי..לאָמיר האָפן,אז זיי אַלע געסט,וועלן אינספירירן אנדערע נאָכטאָן זייער ביישפיל. מיר וואַרטן אויף אייך,טייערע פריינט..

* * *

חתן כלה מזל טוב. מרדכי און בלימעלע איצקאָוויטש
אסך נחת און גליק.

אונזערע הארציקע באגריסונג צו אונזערע טײערע לאנדסלײט, שמעון רישע, אפרים און שרהלע אין קאָסטע ריקע, צו דער חתונה פון אײערע קינדערלאך, מרדכי או בלימעלע פײנגעזיכט, איצקאָוויטש, לאנגע, לאנגע יאָרן פון גליק. ג אָשלאק פאר דער אויסטראליער גרופע

* * *

אונזער הארציקן וואונטש פאר די פרײנט טישלער צו דער שמחה פון זײער טעכטערל צו זש קאָס. נאָר נחת און גליק טײערע פרײנט.

אויסטראליער גרופע ג אָשלאק סעקר.

* * *

די מחותנים:אפרים,שרהלע איצקאָװיטש,מרדכיבלימעלערישע,שמעון.

מחותנים און נאָנטע פרײנט:פאַרבער,שאָלעק,צירעלע,אסתר,משה פײנגעזיכט.

א חתונה אין שטעטל . סאן כאסע קאסטע ריקע.

אויב עמיצער וויל זעען וואָס די יידן,אימיגראנטן האָבן אויפגעטאָן פאר זייער נייער היים,זאָל ער כאפן א בליק אפן קליינעם לענדעלע מיטן מחיהדיקן קלימאט,קאָסטע ריקע.

שוין היפשע עטלאכע יאָר,וואו מיר פאָרן אף אָפרו אין דעם לענדעלע,און יעדעס מאָל,וואונדערן מיר זיך ווי אזוי א קליין,פיצינקע לענדעלע,וואָס האָט אזויפיל יאָרן געלעבט אָן א סמן פון אן אינדוסטריע,האָט מיטאמאָל זיך א הויב געטאָן און וואקסט פאָרויס,געוואקסן אין פארלויף פון די לעצטע ,בלויז צוויי צענדליק יאָר. און אלץ,א דאנק די „פּאָלאקאָס‘,יידן וואָס האָבן מיט זייער ענערגיע,דינאמישע קראפט און וויזיע,געגעבן א ריזיקן שפאן פאָרויס וואָס וועט ברענגען געוואלטיקן נוצן פארן לאנד.

* * *

יידן האָבן מיט רעכט,דערזעען,אז מסחר אליין איז ווייט ניט גענוג. יעדן טאָג,א נייע געשעפטל,איינער אפן אנדערן,שוין באלד געווען מער סוחרים ווי קונים. האָט מען פאָרויסגעזעען די געפאר,און זיך א נעם געטאָן פראָדוצירן ארטיקלען פארן איינערלאכן געברויך,און איצט,אדאנק דעם נייע געשאפענעם ריזיקן מארקעט אין די שכניתדיקע לענדער,אזוי אויך ארטיקלען פארן אויסערלאכן געברויך. יאָ,אונזערע זשעלעכאָווער וועט איר געפונען אומעטום. ווי זאָגט מען,וואו מען דארף זיי,יאָ צי ניין,זיי זיינען דאָ. א געזונט אף זיי !

פירט מיך ארום משה פיינגעזיכט אין זיין פאבריק וואו עס ארבייטן ארום 200 ארבייטער,און וואָס ווערט קיינמאָל פארמאכט(אחוץ ימים טובים) טעקסטיל,מיט מאשינען ריזיקע,סחורה רויע,אויסגעארבייטע,פארפאקטע, אָפיסעס און פלעצער פאר די ארבייטער,זיך צו באָדן,רעסטאָראן א א וו און איר גאפט,באמת. וואו,פונוואנעט אזא דינאמישקייט ?פונוואנעט דער ריזן כוח אויפצושטעלן,פירן אזא מלוכה ?

און ער איז ניט אליין. די פיסק פאמיליע,א־דים פון פארשטאָרבענעם א. פיינזילבער,פאבריקן פון שיך,שאכטלען,דאמען טאשן פאבריק פון משה ראָכווערגער און אנדערע....פאבריקן און פאבריקן. באמת,געזעען וואונדער ריזיקן פארנעם פון נעכטיקע קלאפער,פעדלער,וואָס האָבן געבעטן ביי זיי צו קויפן א שמאטקע כדי צו דערנערן זיך,און היינט,גיבן ארבייט פאר

* * *

טויזנטער קאָסטע ריקאנער. ניין: די יידן וואָס זיינען ערשט נעכטן געווען פרעמדע,פאָלאקוס,זיינען א געזונטער באשטאנד-טייל פון לאנד. אן אינטעגראלער,אומצעטיילבארער טייל פון לאנד קאָסטע ריקע.

* * *

און וואָס איז מכוח פּראָפעסיאָנאלן ? אינטערסאנט,אז די מערסטע איינגעבוירענע קינדער נעמען זיך ניט צו קיין מסחר.(נאטירלאך,קליינע אויסנאמען זיינען פאראן)די מערסטע : דאָקטוירים,בן ירבו,א צענדליק,בויער פון הייזער,ארכיטעקטן,אינזשעניערן,כעמיקער,פארמאצעווטן,און פארשידענע אנדערע פּראָפעסיאָנאלן. אָט האָט אונזער אברהם פיינגעזיכט געשיקט זיינע טע-טערלאך שטודירן קיין מעקסיקאָ,און איצט האָט ער צוויי דאָקטוירים און פארמאצעווטן. שטעלט אייך פאָר,קינדער פון קליינעם שטעטל וואָס האָבן דערגרייכט אזא שטופע.

* * *

און אָט זיץ איך ביי א פארזאמלונג פון די הייליקע שוועסטער. אונזער א יידישע טאָכטער האלט א רעפעראט,באלערנדן,וועגן ריזן גייסט פון דער קאטוילישער קירכע,סאן אויגוסטוס. אנאליזירט זיין פילאָזאָפיע,ספעציעל „די געטלאבע שטאָט."איר שטוינט:די הייליקע שוועסטער און גוטע קאטאָליקן קומען לערנען וועגן זייער דענקער און פילאָזאָף,און גראָד פון א יידישע טאָכטער. יאָ,יידן אין קאָסטע ריקע זיינען אן אינטעגראלער טייל פון דעם אלגעמיינעם לעבן פון לאנד. נעכטיקע אָרימע קלאפער,האָבן געבראכט פרנסה פאר טויזנטער איינגעבוירענע. דאָס איז א וואונדערבארע דערשיינונג וואָס איז,באמת ווערט באגריסט צו ווערן.

* * *

נו,און וואָס איז מכוח יידישן לעבן דאָרטן ? אויפגעבוים א פיינע בכבודיקע הערן אנשטאלט (אונזער דוד ווייסלעדער האָט אוועקגעגעבן א וועלט מיט ארבייט...)א פיינעם צענטער,ספּאָרט פלאץ און נאָך און נאָך... א שיינע יוגנט,א מחיה צו קוקן און שעפן נחת. זאָלן זיי זיין געבענטשט און ווייטער שפינען יידיש שעפעריש לעבן אף אלע געביטן...

* * *

אין אָט דעם קליינעם שטעטעלע(אמאָל,אביסל פּראָווינציאָנעל,א ספעציפישער חן...)איז פאָרגעקומען א חתונה פון אונזערע פריינט,זשעלעכאָווער פון ביידע זייטן: חתנס צד און כלהס צד־ ווי מען פלעגט אויסרופן אמאָל ביי אזעלכע געלעגנהייטן: איצקאָוויטש(א וואַרשאָווער,כמעט,א זשעלעכאָווער)

די מאמע, לוקאָװיעצקי, שמעון און רישע פײנגעזיכט. „פּאָלנע זשעלעכאָװער פון בײדע זײטן.

* * *

א ריזיק פלאץ, געגרײט, אויסגעצירט דאַך אלע אונזערע פרײנט געזאָגט געװאָרן. יעדער שײנט פון נחת. מיר דוכט זיך, אז אף שמחות װערן אלע, ײנג און אלט, אויפסנײ באנײט מיט א ספּעציעלן אויסזען, מחיהדיקן. די טישן, געגרײט אזוי פאר אן אמאָליקן קענגילאכן יום טוב... מיטן גאנצן טראסק. די זאל, הערלאך שײן אימפּאָזאנט, בלומען פארמאָגט דאָס לענדלע, װאונדערבארע, מען עקספּאָרטירט זײ אפילו, און דאָ האָבן די בלומען באשײנט דער זאל, די מענטשן און הויפּטזעכלאך, דאָס ײנגע פּאָרל, װאָס האָבן באמת פארשײנט און געלויכטן.

* * *

די מוזיק שפּילט, ײנגװארג און מיטליעריקע, אפילו שוין אריבער דעם צײכן פון מיטליעריקײט, כאַפּט א טענצל. עס רײדט זיך אזוי, א טענצל, די מוזיק הילכט די באַריםטע לאטײנישע טענץ צוזאמענגעמישט מיט די „ביטעלס" װילדע געשרײען און געפּילדער, אז דער דיל ציטערט.

און װען איך פרעג דעם הויפּט טומל־מאכער, דעם מוזיקאנט, זינגער, פאר װאָס אזא ליארם, װײזט ער מיר נעבעך אָן אף די מענטשן, טענצער... זײ װילן דאָס, האָבן הנאה טאָ װאָזשע קאָן איך, בידנער, מוזיקאנט טאָן ? פארשטײ איך זײן שװערע לאגע און פארגיב אים זײן טומלן... כאָטש איך האָב א שװערן קאָפּ־װײטיק... דער מאָדערנער עולם, װײזט אויס, איז אװעק פון אונזערע באגריפן, געפילן א היפּשן מהלך...

די זשעלעכאָװער אין ישראל זײנען מערסטן ארבײטער און באאמטע און האָבן ניט קײן גרויסע מעגלאכקײטן צו העלפן זײערע אונטערװאקסענע קינדער בײם אײנאָרדענען א זעלבסטשטענדיק לעבן.די קאסע האָט הײ יאָר זײער פיל געהאָלפן אף אָט דעם געביט. אגב,האָט דאָס אויך געבראכט א דערנענטערונג פון ײנגען דור צו דער זשעלעכאָװער ארבײט.און דאָס איז דאָך אונזער ציל.

* * *

די קאסע װאָס האָט אָנגעהויבן מיט 1,000 פונט,פארמאָגט הײנט א סומע פון 40 טויזנט פונט אין תל אביב און חיפה.

די קאסע איז א מעכטיקער הילפס-אינסטרומענט פאר אונזערע לאנדסלײט. עס האָט נאָך דורך דער גאנצער צײט ניט פאסירט, אז מען זאָל עמיצן אָפּזאָגן א הלואה. און איצט אין אָנבליק פון דער װירטשאפטלאכער לאגע אין לאנד, שטײט אונז פאָר גרויסע אויפגאבן. אין יאָר 1966 האָבן מיר ארײנגעקראָגן פון אונזערע טײערע לאנדסלײט אין אויסלאנד פאָלגענדע

סומעס:	פון מלכהלע פרוכטענבערג ניו יאָרק	329	פונט
	״ צירל בראָן קאָסטע ריקע	897	״
	קאָלאָמביע	328	״
	מלכהלע פרוכטענבערג	128	״
	מלכהלע פרוכטענבערג	210	
	צוזאמען	1892	ישראל פונט.

* * *

אויפנאמעס פאר געסט -זשעלעכאָװער.

צום יום העצמאות האָבן מיר דאָ געהאט די ליבע געסט: פאמיליע גוטרײך און פרײדע גארפינקל פון אויסטראליע און יצחק גוטמאן פון ניו זשורזי. דער קאָמיטעט האָט זײ אײנגעאָרדנט אן אָװנט אין הויז פון אונזער קאָמיטעט מיטגליד שרהלע רוסאק, רובין: מיר האָבן זײ הארציק באגריסט און אויך באריכטעט פון אונזער ארבײט אין ישראל. די געסט האָבן הארציק געדאנקט פאר דער אויפנאמע און פארזיכערט װײטערדיקע הילף פאר דער לײ קאסע. (װי מיר װײסן, האָבן זײ אין אויסטראליע געהאט א באָל װאו די גאנצע אײנאמע װעט אונז אין קורצן געשיקט װערן) משה ברזלי גיט איבער די געסט אלבאָמען מיט בילדער פון ישראל. אריה לעדערמאן דאנקט אין נאָמען פון די פארזאמלטע דער פאמיליע רובין פארן אײנאָרדענען דעם אָװנט ביד רחבה, אויך פאר דער הארציקער שטימונג פון אָװנט, װאָס מיר װעלן לאנג געדענקען. עס גלוסט זיך ניט אװעקצוגײן און מען זיצט און מען דערמאָנט זיך זכרונות פון דער אלטער הײם. עס דוכט זיך װי אלע זײנען אײן משפחה װאָס האָט זיך װידער געטראָפן. מען געזעגנט זיך מיט גוטע װאונטשן, אז אלע זשעלעכאָװער אין דער װעלט זאָלן זיך טרעפן דאָ אין ישראל.

יזכור אָוונט אין ישראל.

א גרויסע טרויער אקאדעמיע איז פאָרגעקומען אין תל אביב צו דער 24טן יאָרצייט פון דער זשעלעכאָווער קהילה.אפן רוף פון קאָמיטעט ,זיינען געקומען מער פון הונדערט לאנדסלייט,פון אלע ישובים וואו זשעלעכאָווער געפונען זיך,ממש פון דן ביז אילת.די אזכרה איז פאָרגעקומען אין זאל פון פארבאנד פון די פוילישע יידן אין ישראל:דעם 24טן אָקטאָבער. ביי אָנגעצונדענע ליכט און ביי א טיפער שטילקייט עפנט דער סעקרעטאר אריה לעדערמאן,דעם אָוונט.ער בעט די פארזאמלטע אויפשטיין און ישראל איזערשטיין לייענט דעם נדר פון אברהם שלונסקי:

על דעת עיני שראו את השכול
ועמסו זעקות על ליבי השחות
על דעת רחמי שהורינו למחול
עד באו ימים שאימו מלסלות
נדרתי הנדר,לזכור את הכול
לזכור ודבר לא לשכוח.

און צוזאמען שווערן אונזערע לאנדסלייט,געדענקען און נים מוחל זיין; עס ריידט אריה לעדערמאן:מיר האָבן זיך דאָ היינט פארזאמלט צו דערמאָנען אונזערע טייערסטע און נאָנסטע וואָס זיינען אומגעקומען.ברידער, שוועסטער,טאטעס און מאמעס און מיטן שטילן שווייגן,לאָמיר ערן זייער אנדענקען. די טאָג טעגלאכע ארבייט,מאכט אָפטמאָל,נאטירלאך,אז מיר פארגעסן די פארגאנגענהייט. דערפאר ליגט אף אונז א חוב,אז אין יאָר צייט פון אונזער פארשניטענער קהילה זיך צו פארזאמלן און איבערגעבן דעם כראָנאָלאָגישן סדר פון די געשייענישן,וואָס האָבן געבראכט צום אונטערגאנג פון אונזער קהילה וואָס האָט עקזיסטירט איבער 500 יאָר. דעם 5טן סעפטעמבער,אזוי שנעל ווי די מערדער זיינען אריין קיין זש. האָבן זיי באלד אָנגעהויבן זייערע שוידערלאכע מעשים:ראבירן יידישע געשעפטן,שלאָגן יידן און כאפן אף ארבייט. אין ראש השנה האָבן זיי אונטערגעצונדן דער שול און אריינגעוואָרפן חיים משה פסחס אין די פלאמען.אָבער,טראָץ דעם אלעמען,האָבן צו יענער צייט עקזיסטירט הילפס-

אינסטיטוציעס,ביקור חולים,גמילות חסדים,קוכן פאַר אָרימע א א װ. אויך די תורה האָט מען ניט פאַרגעסן,אין געהײם האָט מען אָרגאַניזירט חדרים,טראָץ די גרויסע געפאַרן,און געלערנט מיט די קלײנע קינדערלאַך תורה און יידישקײט. זשעליעכאָװ איז געװען א צוציונגס פּלאַץ פאַר אסך אַנטלאָפענע פון װאַרשע און אומגעגנט. א פּלאַץ װאו מען האָט געקאָנט קריגן א שטיקל ברויט און א פּלאַץ װאו דעם קאָפּ אװעקצולײגן. געװען א גלויבן,אז מען װעט דאָן איבערלעבן די פּײנלאכע צײטן׳ זשעלעכאָװער יוגנט האָט אַנטײלגענומען אין די פּאַרטיזאַנען קאַמפן און אויך הײנט געפינען זיך דאָ לעבעדיקע עדות װאָס קאָנען אונז דערצײלן װי זײ האָבן מיט געװער אין די הענט געקעמפט קעגן די נאַצישע מערדער,און געראַטעװעט זײער פיל יידן.די זשעל. שארית הפליטה צעשפּרײט איבער דער װעלט דערמאָנען מיט זײערע טעטיקײטן די טראַגיש פאַרשניטענע קהילה.

* * *

דער זשעל. יזכור בוך,אײנער פון די בעסטע אנערקענט פון דער פּרעסע און קריטיק,איז א מצבה אף דער פאַרשניטענער קהילה. אָט די טעג האָב איך געקראָגן א װענדונג פון זיכערהײטס מיניסטעריום זײ צושיקן אונזער יזכור בוך. אויך דער זשעל. בולעטין װערט געפאָדערט פון פיל אינסטיטוציעס. דער באַנײטער בולעטין פאַרײניקט אלע אונזערע לאַנדסלײט איבער דער װעלט און העלפט זײ דורכפירן קאָנסטרוקטיװע אַרבײט און אויפהאַלטן דעם אָנדענק פון אונזערע קדושים.

* * *

די גאַנצע פאַרזאַמלטע שטעלט זיך אויף צו באערן די קדושים װאָס זײנען געפאַלן אין ישראל װי אויך די נפטרים. משה מלמד מאַכט אַן אל מלא רחמים בײם געװײן פון די מערסטע פרײנט.

דער פאָרזיצער,פרײנט לעדערמאַן שטעלט פאָר דעם גאַסט-רעדנער פון די פּוילישע יידן אין ישראל, אדװאָקאַט משה פּאָליאַקעװיטש.(אגב, מיר געדענקען נאָך דעם חשובן גאַסט װען ער איז געקומען קײן זש. אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרג.אָרגאַניזירן אונזער אַרבײט פאַר די װאַלן)

דער גאַסט:האָט אין זײן גײסטרײכע רײדע דערקלערט־ מיר דאַרפן און מוזן געדענקען,און הויפּטזעכלאַך,דערצײלן אונזערע

קינדער וועגן די געשייענישן אין יענער בלוטיקער צייט. עס איז ניט אמת, אז די יידן זיינען געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה, להיפך, הרב יצחק ניסענבוים האט דערקלערט, אז אין ווארשע איז אין יענער צייט געווען קדושת־החיים, מען האט געוואלט לעבן אונטער אלע באדינגונגען. דער רעדנער שטרייכט אויך אונטער, אז לגבי אנדערע פעלקער, איז ביי יידן געווען די קלענסטע צאל פאררעטער. זייער גאנץ לעבן האט זיך אויסגעצייכענט ניט מיט פחדות, נאר מיט העלדישקייט. קליינע קינדערלאך האבן מיט מסירת נפש זיך ארויסגעגנבעט פון דער געטא צו ברענגען א שטיקל ברויט פאר זייערע עלטערן. די נאצישע מערדער פלעגן דערשיסן אט די קליינע נפשימלאך, ווען זיי האבן זיי געכאפט ביי אזא „פארברעכן.„ די חסידישע יידן האבן ביז דער לעצטער מינוט געלעבט מיט בטחון און שטילערהייט געטשעפטשעט: אני מאמין בביאת המשיח...

דעררעדנער דערמאנט די שוידערלעכע ראל וואס כמעט די גאנצע פוילישע באפעלקערונג האט געשפילט און מיטגעווירקט אין דער אויסראטונג פון דער יידישער באפעלקערונג, וואס האט צוזאמען געלעבט זייט ביי זייט הונדערטער יארן אף דער פוילישער ערד.

ניט דער מזרח און ניט דער מערב האט געוואלט העלפן די אומגליקלעכע יידן. ביים אויפשטאנד אין ווארשע האבן די קדושים געבעטן געווער ביי דער אונטערערדישער פוילישער באוועגונג־און קיינער האט ניט געהערט זייער ביטער געשריי. נאכמער, דער גרעסטער טייל פאליאקן האבן מיט פרייד געזען ווי דער געטא פלאמט און הנאה געהאט ווי די זשידעס סמאליען... מיר טארן ניט פארגעסן די זינד פון יענע פעלקער וואס האבן מיטגעהאלפן די מערדער אין דער אויסראטונג פון אונזער פאלק, יענע וואס האבן דירעקט זיך באטייליקט אין מארד און אויך אפילו יענע וואס האבן צוגעזען און געשוויגן ווי א פאלק גייט אפ אין בלוט.

די לעצט געבליבענע יידן אין דער געטא וואס האבן אויפגעהויבן די פאן פון אויפשטאנד האבן געוואוסט אין פארויס, אז זייער קאמף איז א פארלארענער. זיי האבן געמוזט ראטעווען דעם כבוד פון ייד און מענטש.

עס װעט קײנמאָל זײן קײן פרײנטשאפט צװישן ײדן און דײטשן,טראָץ די אנטשײדיקונג װאָס זײ האָבן געגעבן,װאָס דאָס איז דאָך א נישטיקער טײל פון צוגערויבטן ײדישן האָב און גוטס. 450 יאָר זײנען ײדן ניט צוריקגעקומען קײן שפאניע,אויך איצט טאָרן ײדן ניט װאוינען אף דער טמאדיקער ערד. מיר דארפן געדענקען,אז זײ,די מערדער האָבן פארטיליקט אונזערע זעקס מיליאָן ײדן,ברידער און שװעסטער,װאָס מיר װעלן זײ שױן קײנמאָל ניט האָבן צוריק.דאָס דארפן מיר געדענקען !און צו דער װעלט זאָגן מיר: פון דאנעט,פון ישראל װעט איר אונז מער ניט ארויסנעמען !

* * *

ער פארענדיקט: איר זשעלעכאָװער לאנדסלײט זײנט װי א משפחה און איר העלפט װידער אויפבויען דעם בוים װאָס איז אונטערגעהאקט געװאָרן... איך בעדענק זשעלעכאָװ,עס איז ניט געװען קײן רײך שטעטל,אָבער־ א ברויזנדע יוגנט. עס איז אײער חוב די דאָזיקע ירושה איבערגעבן אײערע קינדער.

* * *

דאָס װאָרט קריגט דער פאָרשטײער פון קאָמיטעט אין חיפה:צבי צוקערמאן.ער גיט איבער פרטים פון ײדישן לעבן אין זשעלעכאָװ אין יענער צײט.ער דערמאָנט װי די מערדער האָבן אינמיטן מארק דערמאָרדערט דרײ זשעל.ײדן און גלײך אפן פלאץ,באגראָבן,און זײער בלוט האָט ניט געװאָלט טרוקענען ביז מען האָט זײ דערלויבט צו קומען צו קבר ישראל. ער שילדערט אויך דעם דראנג בײ די זשעל. ײדן װאָס האָבן געטאָן אלץ אז מען זאָל איבערקומען,איבערלעבן און אויסהאלטן... די הילף זעלבסט-הילף,פון די זשעל. ײדן איז איבעראל געװען באװאוסט און געבראכט אסך ײדן קײן זשעל. פון דערבײאיקע שטעטלאך.

צוקערמאן לײענט די שבועה װאָס א זשעל. יוגנטלאבער האָט געלײענט אין אוישװיץ,װאָס מאכט א גרויסן רושם אף די פארזאמלטע.

ישראל איזערשטײן,א זשעל.קינד פון נײעם דור לײענט מיט גרויס דערפאָלג,אין העברײאיש,פאסיקע לידער און א קאפיטל פון„מײן הײם„פון יתיאל לערער.

* * *

אריה לעדערמאן רופט באנײען דעם„בולעטין„װאָס מיר גיבן ארויס אין פאנאמא.דאנקט די פרײנט פאָלאקעװיטש און ישראל איזערשטײן פאר זײער דערפאָלגרײכע באטײליקונג. מיט דעם שליסט ער דעם אָװנט.

שאול לעדערמאַן

(זון פון אונזערע פריינט,אריה און חוה

יעקב פעלהענדלער ישראל

מיר באגריסן מיט גרויס צופרידנקייט,די פאָזיטיווע דערשיינונג אין אונזער משפחה זשעלעכאָוו. שאול לעדערמאנסרייע נאָוועלן וואָס זיינען דערשינען אין ״מערב„ באווייזן,אז מיר האָבן פאר זיך א באגאבטן יינגען שרייבער. ער איז ,אגב,אויפגענומען געוואָרן זייער ווארים פון דער פרעסע.

מיטן חורבן פון אונזער שטעטל,זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אונזערע ליטעראַרישע גייסטער וואָס האָבן באלויכטן אונזער וועלט. אלץ איז אָפּגעמעקט געוואָרן אף אייביק.דעריבער,אין די באדינגונגען,איז דאָס אויפקומען פון א נייעם טאלאנט א דערפרייענדע דערשיינונג,וואָס ברענגט אריין א נייעם וואַרימען שטראָם בלוט אין אונזערע צעווייטיקטע הערצער. און,עס איז אויך א המשך פון יענע גרויס שרייבער פון אונזער שטעטל וועמעס לעבנס זיינען פארשניטן געוואָרן...

שאול לעדערמאַן,איז א הונדערט פראָצענטיקער סאברע.געבוירן און דערצויגן אין דער ארץ ישראלדיקער ווירקלאבקייט.דאָ האָט ער איינגעזאפט זיין וועלט אנשויונג. שטודירט אין העברייאישן אוניווערזיטעט און טרינקט פון די קוואלן פון יידישער געשיכטע. איינגעוואָרצלט אין דער העברייאישער ליטעראטור,האָט זיין נשמה זיך אָנגעזאפט מיט די פראכטפולע טראדיציעס פון יידישן עבר.

און צו דער זעלבער צייט,האָט ער אין זיך איינגעזאפט אביסל פון דער זשעלעכאָווער מענטאליטעט אין דער היים פון זיינע עלטערן.אין דעם הויז פון די לעדערמאנס,געפונט זיך די צענטראל־סטאנציע פון זשעלעכאָווער‚אינטערנאציאָנאל״ אין ארץ ישראל,הערט זיך איין און שעפט ידיעות,אינספיראציע,פון קליינעם שטעטל דאָס איז אזוי ברוטאל פארשניטן געוואָרן.

שטאָף פאר זײן ליטעראַרישן געװב,שעפּט שאול פון דער א״י װירקלאכקײט, װאָס שפּיגלט אָפּ אויך זײן גײסטיקע װעלט.דער לײט מאָטיװ אין זײנע נאָװעלן,זײנען די די פּראָבלעמען פון אלטע און נײע עולים,װאָס ראנגלען זיך מיט דער א׳י װירקלאכקײט װאָס זײנען ענלאך צו אלע לענדער פון אימיגראציע. דער פּראָצעס פון שיבת־ציון,דאָס אײנזאמלען דורך דער מאמע ערד פון אירע צעזײטע און צעשפּרײטע קינדער און פארװאנדלען זײ אין אײן פאָלק,דער פּראָצעס פון אבסאָרבירן די נײע עולים אין דער נײער הײם,דער קאמף פארן עקזיסטענץ,װערן א טײל פון שמעלץ־טאָפּ־אָט די אלע פּראָבלעמען,זײנען טעמאטיק פאר אונזער ײנגען שרײבער,שאול.

אויך פאראן א שטילע קריטיק װאָס פליסט װי א לײכטער שטראָם אין זײנע נאָװעלן. (ג)

דער אלבאָם פון זײנע העלדן: א פילפארביקער רעגנבויגן פון געשטאלטן פון אלטע און נײע עולים,װעמען דער גורל האָט געבראכט צו די ברעגן פון מיטלענדישן ים און צום פראָנט פון ײדישע נאציאָנאלע און סאָציאלע באפרײאונג. אין „אנשים זרים״(פרעמדע מענטשן)דער מפקד יורם־א מיליטערישע געשטאלט־אײנגעהאלטן אין זיך,א שװײגנדיקער,פארברענט זײנע ליבעס בריװ צוליב דער טראגישער ליבע צו דער העלדן מירה: װײל מענטשן זײנען פרעמד צו די געפילן פון העלד.

„מגעים עם פּרופסור לברטוב״(קאָנטאקט מיטן פּראָפעסאָר לעבערטאָװ, זעען מיר די פּרעכטיקע געשטאלט פון פּראָפעסאָר פון געשיכטע,ליטעראטור און פילאָזאָפיע אף דער קאנטע פון די א״י קאָנטורן און נאטור פײסאזשן,פּראכטפול געשילדערט אפן װעג צום פּראָפעסאָר.און אין שטוב זעען מיר דעם פּערזאָן,זײן ארט רײדן און שאפן.

„החותם בכרם״(דער צײכן אין װנגאָרטן)ברײטע שילדערונג און געשפּרעכן פון פאָטער און זון װעגן קאמף מיטן מדבר אין פארװאנדלען אין א ציװיליזירטן צענטער.

******

„הארגט הלבן״(װײסער װאָזאָן)איז עפּעס פּראכטפולעס.דער סטיל, אלא זשיראָמסקי. און עס איז צו אָרים מײן שפּראך דאָס צו שילדערן. אינהאלט:א שטוב פון א ײנג פּאָרל.די אײדעלע האנט פון דער העלדן, תלמה,װאָס האָט חתונה מיטן ײנגען בחור קובי,צירט און באפּוצט זײער

נײער הײם, און אויבנאָן שטײט דער װײטער װאזאָן װאָס זײ האָבן געקראָגן א מתנה פון סטודענט עמירם. דער װאזאָן אײנגעהילט אין װײסן, איז דער אויסדרוק פון צניעותדיקײט.

„דוגס״(נאָמען פון העלד) אַן אלטער מאַן אין דער אטמאָספערע פון א נײ פּאָרל; דער יונגער אינזשעניר משה מיט זײן יונגע פרוי רות-געקומען פון אמעריקע. ענלאכעס אין בוך פון פאסטערנאק, ד״ר זשיװאגאָ.

„ בקבוקי דבש״(פלעשלאך מיט האָניק)װערט געשילדערט די שװערע באדינגונגען פון א נײעם עולה, א בעמיקער, װאָס פילט אָן פלעשלאך מיט האָניק פאר אנדערע און ,ער אלײן טרינקט דעם כוס פון ביטערניש...

די נעכט, די טעג, קאָן זיך ניט באפרײען פון זײן פארגאנגענהײט, די פײנלאכע צײט אין קאָנצעטראציע לאגער און אויך די אומזיכערקײט פון הײנט. ער פילט אָן פלעשלאך מיט האָניק, אָבער זײן לעבן איז ביטער..

~~יעדע נאָװעלע פארגעסט א צײטונג-זײט.~~

* * *

דער לײענער װעט זיך באנוגענען מיט דעם װאָס מיר דערלאנגען בלויז אפן שפּיץ מעסער...יעדע נאָװעלע איז א פערל אין דער העברײאישער ליטעראטור און איז א פראכטפולער צושטײער צום אוצר פון די זשעל. שעפּפער.

(ד)

זײן סטיל, הסגנון-זה האדם. דער סטיל װי דער מענטש. זײן סטיל, איז אײגנארטיק, שטיל װי די שטילקײט אלײן. דער טאָן-פּיאניסימאָ.

א געװיסער חן שפּרײט זיך אויס אף די נאָװעלן צוליב זײער דינקײט.

דער טאָן זײנער, פליסט ארויס פון די טיפע קװאלן פון די פּאָעטישע נשמה דערהויבנקײט-התרוממות הנפש-װאָס עס פילן בלויז אמתע דיכטער.

עס פילט זיך אין זײנע נאָװעלן, א פרישער אראָמאט. פרישע פרוכט. דאָס זײנען די ערשטע פרוכט, די ערשטע פירות פון יונגען בוים. מיר האָפן, אז דער בוים װעט שלאָגן טיפע װאָרצלן, װאָס װעט זיך צעבליען און געבן נאָך פיל זאפטיקע פרוכט.

און דערװײל װאונטשן מיר דעם יונגען דיכטער

כה לחי !

* * *

אונזערע הארציקע וואונטשן אונזער פריינדן, גאָלדע לעווינסקי, צו דער חתונה פון איר זון סאָלאָמאָן. אסך נחת און גליק.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט ישראל

אונזערע חשובע לאנדסלייט זינע און מענדל קורצארזש, צו דער שמחה פון זייער טעכטערל, אונזערע הארציק ברכות.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט ישראל

חנה און יאָסל אָשלאק, אונזערע הארציקע ברכות צו אייער שמחה פון דעם טעכטערל. נאָר אף שמחות זאָלן מיר זיך פרייען.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט ישראל

דער פאמיליע טישלער, אונזערע הארציקע גליקוואונטשן צו דער שמחה פון אייער טעכטערל. נאָר גליק.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט ישראל

* * *

אונזער טייערן קאָמיטעט מיטגליד משה ברזלי און פרוי, צו זייער באזוך אין אויסטראליע צו זייערע פריינט- אונזער הארציקן צאתך לשלום ובואכם לשלום.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט סעקרעטאר אריה לעדערמאן

אונזער טייערן קאָמיטעט מיטגליד, סעקרעטאר פון דעם קאָמיטעט אין חיפה, אונזער הארציקע באגריסונג צו דער חתונה פון אייער זונדל. האָט פון אים אסך נחת.

זשעלעכאָווער קאָמיטעט תל אביב

אונזערע הארציקע גליקוואונטשן אלע אונזערע טייערע פריינט:
שמעון און רישע פינגעזיכט, גאָלדע לעווינסקי, חנה און יאָסל אָשלאק, פאמיליע טישלער און אונזערע טייערע פריינט, גליקמאן און ברזלים- אונזערע הארציקע ברכות.

חוה און אריה לעדערמאן ישראל

* * *

אונזער טייערן פריינט אריה לעדערמאן וואָס האָט „ניט געפילט מיט אלעמען" וואונטשן מיר צו זיין געזונט. מיר מוזן אייך, פונקט ווי אנדערע אקטיווע פריינט, האָבן געזונט און שטארק. צופיל אחריות ליגט אף אייך. מאכט זיך ניט נאריש און זייט געזונט...

רעדאקציע

* * *

פריינט דאנאָוויטשן אין ניו יאָרק, וואונטשן מיר א שנעלן דערהאָלן זיך און זייט געזונט צו אייער פאמיליע ווי אויך צו אונז אלעמען. מיר ווילן אייך זען א געזונטן..

* * *

מזל טוב מזל טוב

מר. און מרס. מ. איגליצקי און מר. און מרס. פ. אבערקלייד

האבן דעם כבוד אייך איינצולאדן צו דער פארלאבונג–פארטי

פון זייערע קינדער

פּיי מיט פישעל

וואס וועט פארקומען אין

ניו עמפּייר באלרום, 386 טשעפל כט.. סאוט יארא

שבת דעם 11–טן פעברואר 1967, 8 אוונט

* * *

גלויבט אונז,טײערע פרײנט,אז מיר וואָלטן וועלן זײן מיט אײך און אנטײלנעמען אין אײער פרײד.צום באדויערן קאָנען מיר דאָס ניט,אָבער,מיר זײנען מיט אײך און וואונטשן דעם ייגען פּאָרל,די מחותנים אסך נחת און גליק.

הערשל און ־פרידע אלטמאן

פאנאמא

* * *

קאָסטע ריזע האָט דאָס וואָרט:

שוין געוואָרן א טראדיציע,אז אונזער צירעלע רידעלמאן זאָל יעדעס יאָר זאמלן פאר דער לײ קאסע. און אויך הײנטיקס יאָר,איז ניט קײן אויסנאם. און אָט איז דער צעטל:

ישראל בראָן	30 דאלאר	ברידער באָראָכאָוויטש	25 דאלאר
דוד פײנזילבער	30 ״	משה פײנגעזיכט	20 ״
שמואל דוד		שמעון פײנגעזיכט	15 ״
דרומלעוויטש	30 ״	שלום לעווינסקי	15 -
א. רידעלמאן	25 ״	כוליאָ רידעלמאן	15
ב.צ. טישלער	25	(זון פון משה רידעלמאן ע ה)	

* * *

יאָסל ראָכווערגער	10 דאלאר	אהרן ברוטאָן	5 דאלאר
משה ראָכווערגער	10 ״	יצחק וואסערמאן	5
יאנקל פארבער	10	יאָסל וואסערמאן	5
ח מ ווײנבערג	10	דוד ווײסלעדער	5
שמחה ווײנבערג	10	שלמה גאָלדבערג	5
בער מײכעל	10	ישעיהו ליפשיץ	5
בער פאנטשנער	10	יצחק נירענבערג	5
אברהם ווײסלעדער	10	אברהם ווײסלעדער	5
(זון פון אשור ווײסלעדער)		(זון פון נח ווײסלעדער ע ה)	

שרה לוקאָוויעצקי 5

(פרוי פון מנשהלע לוקאָוויעצקי ע ה) צוזאמען 355,00

דריי הונדערט און פינף און פיפציק דאלאר.

ווילן מיר אויסדריקן א דאנק אלע ביישטייער. און איבערהויפט א זייער הארציקן דאנק אונזער אומדערמידלאכע צירעלע רידעלמאן. אזעלע יחידים ברענגען כבוד און רעספעקט אונזער משפחה. זייט געזונט און שטארק און זעצט פאָר די דאָזיקע ארביים ,אסך יאָרן.

****

****

ווערטער וואָס ווערן פארביטן,אפילו פון יענע וואָס קאָנען שרייבן יידיש:

ווי און וואו...

ווי ,מײנט וויאזוי,אָדער ער איז פונקט אזוי קלוג---ווי איך.

אין דעם פאל,איז דאָס א פארגלײך וואָרט. אין ענגליש As

אין שפאניש Como

אין העברייאיש כ!כמו,

וואו--- איז אן אדוועָרב און באצייכנט פלאץ. צום ביישפיל,וואו ביזטו געווען נעכטן ? וואוהין גייסטו איצט ?

וואו-- ווי אין ענגליש Where

שפאניש Donde A donde

העברייאיש איפה

פארגלייכט די דאָזיקע צוויי ווערטער מיט דער שפראך וואָס איר ריידט, אחוץ יידיש,און זעט גענוי וואָס איר ווילט זאָגן. אויב איר ווילט זאָגן דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע.

****

* * *

געלטער אריינגעקומען שוין נאָכן אָפּיציעלן באריכט,װאָס װעט װערן איינגעשלאָסן און באלאנסירט אין קומענדן באריכט. בלויז צו דערמאָנען,אז מיר האָבן די געלטער דערהאלטן....

* * *

פון אויסטראליע פארן בולעטין יאָר 1967 280,00 דאלאר
(געבראַכט פון הערשל אלטמאן)

דאָבינס,לאָס אנזשעלעס (ניט קיין זשעלעכאָװער) 10 דאלאר
בילדער: שמעון פיינגעזיכט 10 "
באנקעט אויסטראליע,הערשל אלטמאן 10 "
בילד פון ברוטאָן,קאָסטע ריקע 5 "
בילד פון די װייסלעדערס 5 "
באגריסונגען הערשל אלטמאן 4 "
שטערנזעער ברוקלין 2 "
פון בראזיל,דורך פריינט שאיע טשעטשינארזש 112 דאלאר,זאמלונג
ביי צװיי שמחות. און צװיי נייע אבאָנענטן 10 "
פון גאליצקי ניו יאָרק 10 "
שמואל שטײן קאנאדא 25 "

* * *

פון פאנאמא:
פארן בולעטין,יאָר 67

אײזיק ראָטערמאן, 25 דאלאר
בער מײכעל 25 "
שאָלעק, 25
שמעון באראן 25 "
הערשל אלטמאן 25 "
משה בײטעל 25
חנה װײנבערג "
ספיװאק 25
באָרענשטײן 15 "

טייערע פריינט. ביז היינט האָבן מיר דערהאלטן פארן יאָר 67 אָפּצאָלונגען פארן בולעטין פון : ניו יאָרק,אויסטראליע און פאנאמא. לאָמיר איין ניט דארפן דערמאָנען און שרייבן בריװ,שיקט צו אייער סומע אזוי שנעל װי מעגלאך, מיר דאנקען איין פאָרויס.

פארװאלטערן מכבהלע
ברוקלין ניו יאָרק

מזל טוב !



דער נאָמען־קארען ען עסען און האָט
געוואויגן גאנצע אכט פונט מיט זיבן
אונצעס. אלט ־״צוו״ און א האלבן טאָג.
א נייע צוגעקומען אייניקל צו שמעון און
האָדעס וויערזשביצקי. געזונט און א אסך
נחת וואונטשן מיר די עלטערן, זיידע און
באָבע און דערלעבן זען אירע קינדערלאך
א וואָרט פון דער באָבע, האָדעס וויערזש־
ביצקי. איך וויל הארציק באדאנקען דער
רעדאקציע פון בולעטין, מלכהלן, און
אונזער גאנצער פאמיליע פאר זייערע הארציקע באגריסונגען. מיר
שאצן דאָס זייער אָפּ און האלטן דאָס טייער. לאָמיר זיך אלע פרייען נאָר
אויף שמחות. אויך די זשעלעכאָווער גרופּע, אזש פון אויסטראליע, דאנקען
מיר זייער הארציק, ווייזט אויס, אז הארצפעדים רייסן זיך ניט אזוי
גיך פאנאנדער, לאָמיר די דאָזיקע משפחה פריינטשאפט אָנהאלטן אסך יאָרן.
אלס אויסדרוק פון אונזער צופרידנהייט, שיקן מיר צו 22 דאלאר פארן
בולעטין.

* * *

א שיינעם און הארציקן דאנק מלכהלע

מזל טוב !

שוירלי פערל, מי׳ער איז אן
אייניקל פון אונזערע חשובע
פריינט, טאָבטשע און משה ביטעל.
מיר וואונטשן דעם פּאָרל, די עלטערן
דעם זיידן און באָבן, אסך נחת און
גליק.

Mrs. Marian S. Miller
and Mr. George Miller
request the honour of your presence
at the marriage of their daughter
Shirley Pearl
to
Mr. Robert S. Fingerhut
son of Mrs. Frances S. Fingerhut

* * *

מזל טוב

מזל טוב אונזער פר נדן גאָלדע לעווינסקי/ביפקעוויטש) צו דער חתונה פון איר זון סאָלאָמאָן צו סעציליע אין ישראל. מיר וואונטשן דעם פאָרל, די עלטערן אסך נחת און גליק.

* * *

דערהאלטן פון שמעון גובערעק, באָגאָטא 22 דאלאר פארן בולעטין. א שיינעם דאנק פריינט גובערעק, אָבער, מיר וואָלטן וועלן זען אײערע ארבייטן אין בולעטין ווי פריער.

* * *

גײענדיק צום דרוק דערוויסן מיר זיך די טראגישע נײעס פון ישראל, אז אונזער טייערער און חשובער פריינט, שלום זוסמאן, איז שוין מער ניט דאָ מיט אונז. דער פאמיליע, אונזערע הארציקע טיפע אויסדריקן פון מיטגעפיל און צער. אין קומענדן נומער, וועלן מיר האָבן אן ארטיקל וועגן אונזער פארשטאָרבענעם טייערן פריינט, וואס האָט פארנומען אזא הויכע שטעלע אין דער ישראל רעגירונג.

* * *

****

מיר זײנען טיף דערשלאָגן פון דער ידיעה,אז אונזער פעטער יאָסל ײגליצקי איז שוין אויך נים דאָ צװישן די לעבעדיקע, זאָל אים די ערד גרינג זײן. די גרושעצקיס ניו יאָרק

מירדריקן דיר אויס אונזער טיפן מיטגעפיל,טײערער ישראל העפנער צום טויט פון דײן לעבנס באַגלײטערן,װײס נים מער פון קײן צער.

שמעון און אסתר װעיר (װיערזשביצקי) ניו יאָרק

****

אונזער טיפן מיטגעפיל טײערע פרײנט װײנציער,אײזיק און קינדער,װי אויך די עלטערן,אברהם און רחל װאטניק,זײט געטרײסט אין אײער גרויסן צער און פײן.

זשעלעכאָװער גרופע פאנאמא

אײזיק ראָטערמאן סעקרעטאר

אונזער טיפסטן מיטגעפיל דער פאמיליע לעבטמאן אין קאָסטע ריקע צום טויט פון אײער גאָטזעליקע מוטער. װײסט נים מער פון קײן צער.

זשעלעכאָװער גרופע קאָסטע ריקע צירעלע רידעלמאן

-------------------סעקרעטארן.

אלע זשעלעכאָװער איבער דער װעלט פילן מיט אײער צער פאמיליע לעבטמאן און פאמיליע װײנציער,מיר זײנען מיט אײך אין אײער אומפארגעסלאכן טרויער ,װײסט נים מער פון קײן צער טײערע פרײנט.

לײבוש שיקאַגאָ

****

טײערע פרײנט לעבטמאן. מיר פילן מיט אײער צער און פײן און װײסט נים נים מער פון קײן אומגליק אין אײער משפחה.

יצחק,העלען באָרענשטײן פאנאמא

טײערע פרײנט,אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו אײער אומגליק. װײסט נים מער פון קײן צער. זשעלעכאָװער גרופע פאנאמא ראָטערמאן סעק.

****

****

טרויער אין אונזער משפחה

גאָלדע װײנציער,איז געװען די פרוי פון אײזיק װײנציער,א טאָכטער פון אברהם און רחל װאטניק.נאָך א לאנגע קראנקײט האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה. װילן מיר אין נאָמען פון אלע לאנדסלײט איבער דער װעלט אויסדריקן דעם מאַן,די קינדער, די עלטערן — אונזער טיפסטן מיטגעפיל,װײסט ניט מער פון קײן צער און אומגליק.

* * *

די װײנציערס האָבן דרײ געראָטענע קינדערלאך:זישע װײנציער,איז פראָפעסאָר אין אוניװערזיטעט,שמואל װײנציער און מלכה װײנציער.

* * *

אין נאָמען פון אונזער גרופע דאָ אין באָגאָטא,װיל איך אויסדריקן מײן און אונזערע אלעמענס פרײנטס צער און װײטיק צו אײער אומגליק. װײסט ניט מער פון קײן װײטיק אין אײער פאמיליע.

ברוך דרעזנער באָגאָטא

* * *

אין נאָמען פון אונזער גרופע זשעלעכאָװער דאָ אין באראנקילא,װילן מיר אויסדריקן אונזער טיפן װײטיק און פײן צו אײזיק װײנציער,זײערע עלטערן,אברהם און רחל װאטניק און צו זײערע קינדער אף זײער גרויסן בדאָך,מיר זײנען מיט אײך אין אײער טיפן טרויער.

קאראָלא לוקאָװיעצקי און עװא ראָטערמאַן

טיף דערשיטערט זײנען מיר פון דער טרויעריקער ידיעה,אז גאָלד װײנציער די פרוי פון זישע װײנציער און די טאָכטער פון אברהם און רחל װאטניק איז מער ניט דאָ מיט אונז . זײט געטרײסט אין אײער גרויסן װײטיק.

זשעלעכאָװער גרופע ניו יאָרק מלכהלע פרוכטענבערג

טרויער אין אונזער משפחה.

דעם 19טן אָקטאָבער איז אין סאן פאולאָ געשטאָרבן אונזער לאנדסמאן אין עלטער פון 57 יאָר, יוסף מילינאָװסקי. ער איז געװען א זון פון אברהם יצחק און בלימע מילינאָװסקי און אן אײדים פון ליפיש און רבקהלע גאָלדשטײן. אין נאָמען פון אלע זשעלעכאָװער דאָ אין בראזיל דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו זײן משפחה און ספעציעל צו רבקהלע און גדליהו גאָלדשטײן, װײסט ניט מער פון קײן צער.

סאנטאָס בראזיל   שאיע און ליבטשע טשעטשינארזש

* * *

געשטאָרבן אין אויסטראליע אײב אָשלאק, א זון פון שלום אָשלאק, אין עלטער פון 54 יאָר. װילן מיר אין נאָמען פון אונזער גרופע דאָ אין אויסטראליע אויסדריקן אונזער טיפן צער און מיטגעפיל מיט דער גאנצער משפחה, איר זאָלט שוין מער קײנמאָל ניט װיסן פון קײן אומגליק.

פאר דער גרופע ...... ג. אָשלאק   זעקרעטאר

* * *

אונזער טיפסטן מיטגעפיל אונזער פאמיליע צום טויט פון אונזער פעטער יאָסל ײגליצקי. מיר זײנען טיף געטראָפן פון דעם אומגליק.

מאטעס און פאמיליע גרושעצקי
ברוקלין ניו יאָרק

* * *

אונזער טיפן מיטגעפיל אונזער ליבן ישראל העפנער צום טויט פון זײן לעבנסבאגלײטערן, זײן ליבע פרוי. דו זאָלסט מער ניט װיסן פון קײן צער אין דײן פאמיליע.

שמעון און אסתר װעיר   ברוקלין

* * *

אונזער טיפן מיטגעפיל דער גאנצער משפחה צום טויט פון אונזער פרײנט און לאנדסמאן יאָסל ײגליצקי אין פאנאמא, איר זאָלט אלע מער ניט װיסן פון קײן צער. ***************

זשעלעכאָװער גרופע בראזיל   טשעטשינארזש



צוויי ברידער!
אלטער און משה
ציבולקעוויטש

יתגדל
ויתקדש

* * *



(צו זייער יאָרצייט)

ווי שווער סאיז צו זאָגן,אז אונזער סעקרעטאר,דינאמישער כוח פאר אונזער גרופע דאָ אין באראנקילא,איז שוין מער ניט דאָ צווישן אונז. ער האָט פון יינגוויז אָן איינגעזאפט אין זיך א יושרדיקן געפיל פאר ליידנדע און אים געטראָגן זיין גאנץ לעבן.אין דער יוגנט,ווערט ער א מיטגליד אין דער פ.פ.ס.(פוילישע סאָציאליסטישע פארטיי)און אפילו דאָ אין לאטיינישן לאנד,האָט ער ניט פארגעסן זיין יוגנט אידייע און געארבייט אין אונזער הילפס אָרגאניזאציע מיטן גאנצן ברען פון זיין נשמה.זיין וואָרט,קלאָרע אָריענטאציע איז שטענדיק געווען א וועג־ווייזער פאר אונזערע פראָבלעמען.מיר אלע זשעלעכאָווער און פריינט, וועלן זיין נאָמען שטענדיק האלטן טייער און הייליק.

* * *

מיט דעם טויט פון משהן איז פארקירצט געוואָרן אויך דאָס לעבן פון אלטערן.אויך אלטער,איז פון דער נאטור געווען א זייער אקטיווער און הארציקער מענטש. אונזערע לאנדסלייט,קומענדיק אהער,וואו ער איז שוין געווען פון פריער,האָבן אין אים געפונען אן אמתן פריינט,וואָס איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו העלפן,און העלפן מיט אלץ...מיר געדענקען זיי ביידע נאָך פון דער אלטער היים.און די נייע היים האָט זיי ניט קאליע געמאכט,ווי מאנכע. זיי זיינען געבליבן די זעלבע הארציקע פריינט און נאָך שטארקער. זיי פעלן אונז זייער שטארק אויס אין דער הילפס ארבייט פון אונזער משפחה זשעלעכאָווער. זאָלן זייערע פאמיליעס געפונען א טרייסט אין דער ארבייט וואָס די ברידער ציבולקעוויטש האָבן איבערגעלאָזט,וואָס וועט ניט אזוי שנעל פארגעסן ווערן.

* * *

סעקרעטארן: קיילע לוקאָוויעצקי,עווא ראָטערמאן

באראנקילא,קאָלאָמביע.

* * *

פון דעם פארשניטענעם אמאָליקן יידישן לעבן...



אַטלעטישער יום-טוב בשעתן „צוקונפֿט" צוזאַמענפֿלי אין וואַרשע.

לאָמיר זיך דורכשמועסן.

פאראן זײער פיל זאכן װאָס עס האָבן זיך אָנגעזאמלט אפן רעדאקציע שרײב טיש און,דעריבער,אײדער מיר שליסן דעם נומער 10 און געזעגענען זיך אף א שטיקל צײט,לאָמיר דעריבער זיך דורכשמועסן„פון הארץ צו הארץ",װי מען זאָגט.

אין יאָר 64 װען לײבוש איז דאָ געװען האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן,אנטײל צונעמען אין ארויסגעבן דעם בולעטין אונזערן- איך האָב דאָס מיט פארגעניגן אָנגענומען.גלײך נאָכדעם,האָט לײבוש אָנגעהויבן צו פילן „ניט מיט אלעמען",און דער גאנצער פאק,איז געבליבן פאר אײן מענטש. שרײבן,איבערשרײבן,אנאָנסן,באריכטן,צוגרײטן צום דרוק,שפעטער,אײנפאקן ארויסשיקן א א װ. איך האָב דאָס געטאָן מיט פארגעניגן און ליבשאפט. ניט,חלילה,צוליב דעם פעקל"אומשטערבלאכקײט.". נאָר װײל איך בין געװען און בין איבערצײגט,אז דאָס שריפטל,אָן ליטעראַרישע אָדער װיסנשאפט-לאכע פרעטענציעס,איז דאָך א כבוד פאר אונזערע זשעלעכאָװער אומעטום און,הויפטזעכלאך,ברענגט אונז צוזאמען אין אײן גאנצקײט. און בכלל, העלפט אונז אָנהאלטן אונזער פינאנציעלע הילף פאר די יעניקע װאָס נויטיקן זיך נאָך בײם הײנטיקן טאָג.

פאָרויסגעזעען,אז מאנכע װעל איך אָנטרעטן אף די „הינער אויגן"...

מענטשן זײנען מענטשן.

און אמאָל- דאָס אויך ניט...מיר אלע,יעדער פון אונז האָט געװיסע שװאכקײטן,אָבער מען טאָר זײ ניט פארגרעסערן,אויב מען װיל שאפן א חברישע,פײנע אטמאָספערע. איך בין װײט צו זײן א פוסק אחרון. װי פארמאָג איך דאָס,װאָס מיר פעלט. אָבער,אין דער ארבײט פון רעדאגירן דעם בולעטין,באמי איך מיך,אז עס זאָל ארויס א רײן,ציכטיק שריפטל, מיט אן אײנהײטלאכן אויסלײג,סינטעקס און,איבערהויפט,קלאָרקײט. אָט דעם געזעץ פון אײנהײטלאכקײט,באמי איך מיך אָפצוהיטן. איך האָב געװאוסט,אז מאנכע װעל איך מוזן אָנװײזן דאָ און דאָרטן װי אויך אויסבעסערן דאָס געשריבענע כדי עס זאָל זיך ניט שאפן קײן כאאָס..

האָב איך מיך געפירט ביז איצט אזוי: קלײנע זאכן,אויסלײג, צעמישטע געדאנקען,ניט קלאָרקײט,האָב איך אלײן אויסגעבעסערט. אויב

אָבער מען•דארף דאָס גאנצע ארטיקל איבערשרײבן,דאן ארבײט איך דאָס איבער,שיק דאָס צוריק צום מחבר און פרעג אים אָן, צי װיל ער דאָס לאָזן דרוקן,אָדער,אפשר אלײן נאָכאמאָל איבערארבײטן. דאָס איז געװען און פארבליבן דער צוגאנג צו די געשריבענע ארבײטן. און װי מיר דוכט זיך,זײנען כמעט אלע געבליבענע ארבײטן װאָס זײנען ניט ארײן, בלויז,װען דאָס געשריבענע,לויט אונזער מײנונג,האָט זיך בשום אופן ניט געפאסט,אָדער,װען דער שרײבער האָט ניט געװאָלט ענדערן זײן ארבײט.

שרײבט א פרײנט...אנטשולדיקט זיך פאר זײן שלעכטן ײדיש: מײן ײדיש האָב איך מיך געלערנט אין דעם פראָפעסיאָנעלן פארײן,און אויב עס איז אײך שװער צו לײענען מײן שריפט,אנטשולדיקט מיר.״ נאטירלאך,איך האָב דעם פרײנט געענטפערט,אז עס איז גוט באקענט די באדינגונגען פון דער אלטער הײם,און ער דארף זיך גאָר ניט פילן אזוי שלעכט,אז ער זאָל זיך דארפן פאר מיר אנטשולדיקן... פרײנט א) אָנגעשריבן אן ארטיקל,און דאָרטן ארײנגעשריבן א װעלט מיט לויב געזאנגען אף מײן און מײן פאמיליעס חשבון. מיר איז דאָס געװען פריקרע. אביסעלע צופיל...און דאָ בין איך דאָך דער רעדאקטאָר אויך, האָב איך אים פריער געזאָגט,אז איך װעל דאָס אויסשנײדן,װײל,איך װעל מיך פילן,װי איך מאך זעלבסט רעקלאמע...רעזולטאט ? זיך באלײדיקט און שרײבט ניט מער.

****

ב) א פרײנט,װאָס נאָך יעדן נומער בולעטין,פלעגט אף מיר האָגלן, פשוט,מיט דרײ גאָרנדיקע לויב געזאנגען. און נאָך פארלאנגט דאָס דרוקן, (װאָס איך האָב דאָס קײנמאָל געטאָן) און מיטאמאָל,שיקט דער פרײנט,פון יאָרן,מיר צו אן ארטיקל,װאָס מיר האָט זיך געדוכט,אז עס פאסט זיך לחלוטין ניט פארן בולעטין. געטאָן האָב איך דאָס זײער און זײער אײדל און דעליקאט. אים דערקלערט די סבות פאר װאָס איך קאָן דאָס ניט דרוקן, און ...רעזולטאט ? אויפגעהערט צו שרײבן פארן בולעטין. טוט עס מיר װײ,װײל,װײניקסטנס,האָב איך דערװארט,אז פונקט װי איך האָב אים געגעבן מײנע מאָטיװן פאר ניט דרוקן,זאָל ער מיר כאָטש דערקלערן,פאר װאָס יאָ.. דאָס,לכל הפחות,האָב איך דערװארט. װארט איך נאָך....

****

פריינט ג) אריינגעשריבן אן ארבייט. א גוטע ארבייט. דער פריינט קאָן די מלאכה פון שרייבן און ווייסט וואָס צו זאָגן. נאָר איין קליניקייט. גאנצע שטיקער, עטלאכע זאצן ביי יעדן אָנהויב, זיינען געווען אין העברעאיש, אויס צוגן פון טשערניכאָווסקי, ביאליק א אוו גוט און וואויל. מען קאָן זיך מיט די שרייבער, חלילה, ניט פארשעמען. אָבער, האָב איך געבעטן דעם חבר, אז ער זאָל ניט פארגעסן, אז דער בולעטין ווערט געלייענט פון לאנדסלייט, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי לייענט ניט קיין העברעאיש, זאָל ער די זאצן, אָדער ארויסנעמען איינגאנצן, אָדער זיי כאָטש פארטייטשן. אגב, געווען געוויסע ענדערונגען וואָס איך האָב געמאכט. דעם ארטיקל האָב איך געשיקט לייבושן, פון וועמען איך האָב דאָס דערהאלטן, אז ער זאָל דאָס אים שיקן און פרעגן וואָס ער וויל טאָן. אויב ער וועט ניט ענטפערן, וועט עס הייסן, אז איך מעג דאָס אָפדרוקן. געווארט און געווארט... עטלאכע וואָכן, און דאָס ארטיקל אָפגעדרוקט. נו, הימל עפן זיך! ער האָט מיר קיינמאָל ניט געשריבן א וואָרט, דערפאר א צווייטער טעטיקער פריינט, האלט מיך אין איין דערמאָנען וועגן דעם „פארברעכן" מיינעם...

* * *

איך וואָלט וועלן זעען, ווי עס וועט געפעלן וועלכן לייענער, אז איך זאָל אָנשרייבן האלבע ארטיקלען אין ענגליש אָדער שפאניש און זיי אפילו ניט איבערזעצן אף דער שפראך וואָס אלע פארשטיין....

* * *

פריינט נומער ד) און דאָ האָט איר א פאל פון א מיספארשטענדערניש וואָס האָט זיך זייער גוט אויפגעקלערט. א חבר שרייבט אָן אן ארבייט, קאָן שרייבן און ווייסט וואָס אויך. אזוי ווי אָבער עס זיינען געווען ריין היסטאָרישע דאטעס און געשייענישן, האָב איך(שוין לאנג מיין שוואכקייט..) נאָכגעזוכט אין דער ענציקלאָפעדיע. האָב איך געפונען עטלאכע זאכן, וואָס האָבן ניט געשטימט און איך האָב דאָס אויסגעבעסערט לויט די פארלעסלאכע קוואלן. נו, אביסל אויפרעגונג געווען. ביז איך האָב פארזיכערט דעם פריינט, אז איך וועל זיין בריוו אָפדרוקן איינגאנצן, אָן שום ענדערונג ווי אויך מיין ענטפער. דערווייל, האָב איך אים געראטן, אז ער זאָל טאקע נאָכזוכן אין דער „ענציקלאָפעדיע בריטאניקא" ווי אויך אין „דער יידישער ענציקלאָפעדיע". ער האָט דאָס געטאָן, און ניט בלויז האָבן מיר ניט בא

דארפט אָפדרוקן און מאכן א גאנצע „סעמאטאָכע"...נאָר,נאָכדעם װי ער האָט אנערקענט זײנע טעותן,און אויך איך מײנע,זײנען מיר פארבליבן ביז הײנטיקן טאָג אין די בעסטע חברישע און פרײנטלאכע באציונגען.

* * *

פרײנט ה) אויך געװען געװיסע מיספארשטענדערנישן װעגן ארטיקלן געװיסע אויסדריקן,װאָס זײנען,מאנכעסמאָל, אויסגעטײטש געװאָרן אײנזײטיק ביז זײ האָבן זיך אויפגעקלערט. און כאראקטעריסטיש,דער דאָזיקער פרײנט אײנער פון מײנע נאָנסטע,האָט אויך געליטן אביסל פון דער דאָזיקער שװאכקײט,אז אן ארטיקל,א „באשאף",טאָר מען ניט אָנרירן,חלילה. אָבער,זאכן קלערן זיך אויף,װען עס איז פאראן א גוטער װילן פון בײדע זײטן. אנים, מאכט עס דעם אײנדרוק װי דער רעדאקטאָר (אפן בענקל,מישטײנס געזאָגט..) װיל זיך דערלויבן געװיסע זאכן װאָס שמעקן מיט דיקטאטור. און דאָס לעצטע האָב איך שוין לאנג,מיט יאָרן צוריק,פארװאָרפן ערגיץ,װײט,װײט..

* * *

פרײנט ו) ער ,דער דאָזיקער פרײנט,א טעטיקער,װאוילער חבר,װעמעס באריכט האָט זיך עפעס צעדרײט,אויך א מענטשלאכער שװאכקײט אמאָל,און ער איז ניט ארויסגעקומען װי געהעריק. האָב איך געבעטן דעם פרײנט מיר צושיקן דעם אָריגינעלן באריכט און איך װעל אים איבערשרײבן א ינגאנצן...נו,האָט ער מיר געשריבן,אז דער אָריגינעלער איז פארבליבן בײ מיר. איך װײס ניט ביז הײנט,באמת,װאָס עס האָט פאסירט. איך האָב מיך פאר דעם פרײנט אנטשולדיקט און ביז הײנט צו טאָג,הענגט דאָס כמעט אין דער לופטן...
געטראכט,אז דער ענין איז שוין פארגעסן,װי איך האָב געהאָפט...אָבער, דער פרײנט,װאָרנט מיך איצט,מיטן הארבן לשון,ניט צו מאכן חלילה קײן ענדערונג אין זײנע ארטיקלען. מיט די װאָרענונגען אָדער ניט,מײנע טײערע פרײנט,װי געזאָגט בײם אָנהויב,איך בין ניט קײן פוסק אחרון, אָבער דאָס זעלבע,װײניקסטנס,מעג איך און קאָן דערװארטן פון אײך...
איך האלט דאָס פאר א גוטע זאך,זיך צו בעראטן מיט אונזער חשובן ד׳ר העשיל קלעפפיש װעגן געװיסע פראגן. . אדרבה,בין נאָך דאנקבאר פאר דעם,טאָ פארװאָזשע זאָלן אנדערע דאָס ניט קאָנען און װעלן פארשטײן ??

* * *

מיר מוזן האָבן אן אײנהײטלאכע אָרטאָגראפיע.אנית װעט עס האָבן א פנים פון חוזק. פאראן אסך גרײזן,פשוטע גרײזן,און אפילו בארבאריזמען װאָס

באכן זיך אריין,וואָס מען קאָן ניט דערלאָזן,אז זיי זאָלן אָנפילן אונזער שריפטל. דער בולעטין ווערט געלייענט פון זייער פיל זייטיקע,אינטעליגענטע מענטשן,קאָן איך מיר ניט דערלויבן דעם לוקסוס צו שרייבן אף פארשידענע אופנים..עס מוז זיין איינהייטלאבקייט און קלאָרקייט.

לאָמיר נעמען בלויז עטלאכע ביישפילן: ווערטער וואָס ווערן פארמישט.. ווי און וואו,צי אזן־צו,קאָן־אזן־קענען,דייצן־אזן געזעסן,צענזור און רעזצענזיע,שוין ניט ריידנדיק פון אזעלכע בארבאריזמען,ווי מאנכע שרייבן: שטונדירן,קאָמפעראטיוו, א א וו.

עס איז מיין חוב,מיין אויפגאבע צו געבן א פיין,ציכטיק,אינטערסאנט שריפטל. דאָס־באמי איך מיך צו טאָן. און איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט, אז איך בין חלילה ניט אויסן צו ווייזן מיין געלערנטקייט,אָדער פאראדירן מיט דעם,ניין !בין אויסן,אז עס זאָל זיין א כבוד שריפט פאר אונזער משפחה. טייערע פריינט,העלפט מיר און מאכט ניט מיין ארבייט שווערער, אָדער גאָר אוממעגלאך ווייטער אָנצוגיין.

****

ראלף עמערסאָן,דער אמעריקאנער פילאָזאָף און דענקער,האָט געשריבן, „מיר,מענטשן דענקען מיטן הארץ,און דער מוח,איז דער אויסערן מיניסטער וואָס זוכט,ארייצופאסן,דערקלערן דאָס,וואָס אונזער הארץ האָט שוין פון פריער געהאט בשטימט.” לאָמיר,טייערע פריינט טראכטן מיטן קאָפּ.

****

אנטשולדיקט מיר פאר מיין אויסגוס פון הארץ...עס איז מיר נויטיק זיך אמאָל אָפּריידן,און לאָמיר האָפן,אז איר וועט מיך פארשטיין.אדאנק

אף זייט 133 מאכן מיר אן אָנהויב. מיר גיבן צוויי ווערטער,וואָס ווערן אָפט פארמישט און ווערן ניט גענוצט ריכטיק.מיר גלויבן,אז עס וועט העלפן מאנכע זיך אָריענטירן ווי אזוי צו שרייבן ריכטיק.

דאָס איז בלויז אן אָנהויב. מיר וועלן אין יעדן נומער נעמען בלויז צוויי ווערטער,ענלאכע,און דאָך האָבן פארשידענע באדייטונגען.

מיר האָפן,אז עס וועט מאנכע חברים וואָס שרייבן,און קאָנען די מלאכה, העלפן אויסמיידן די דאָזיקע טעותן.

שאָלעק

טײערע פרײנט. אין דעם עדיטאָריעל האָבן מיר געשריבן,אז דער נומער 10 װעט שוין האָבן עטלאכע און פערציק זײטן לאָקאלע נײעס. נו,האָבן מיר געמאכט א טעות. זיך ניט גערעכט,אז עס װעט זיך צעװאקסן(קײן שום בײז אויג...)ביז העכער 75 זײטן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל,אז אזויפיל ערטער,גרופעס און יחידים זאָלן נעמען אזא שטארקן אנטײל. איז דאָס,באמת,װערט הארציק באגריסט צו װערן. כן ירבו..!

עס װײזט אונז נאָכאמאָל דעם געװאלטיקן אינטערעס װאָס דער„בולעטין„ האָט ארויסגערופן בײ כמעט אלע װאָס זײנען געקומען פון אונזער פארשניטן שטעטעלע.מיר באגריסן אײך אלע,און האָפן,אז איר װעט דעם דאָזיקן אינטערעס װײטער אָנהאלטן אף לאנגע יאָרן.

שרײבט אונזער ליבער ג. אָשלאק פון אויסטראליע:

דערהאלטן דעם נומער 9 און װידער געװאויר געװאָרן װאָס עס הערט זיך אין אונזער משפחה,צעשפרײט איבער דער װעלט.װען ניט דער„בולעטין„ װאָלטן מיר געװען פאריתומט און אײנזאם אף גאָטס װעלטל. די טרעפלאכע בילדער פון דער אלטער הײם,װעקן אויף זכרונות און מיר דערזעען די גיגאנטישקײט פון אונזער פארלוסט...

מיר װעלן װײטער גײן אפן זעלבן װעג,אינפאָרמירן,אלץ װאָס עס קומט פאָר אין אונזער משפחה װי אויך ברענגען ארטיקלען פון א קולטורעלן און װיסנשאפטלאכן װערט. מיר האָבן א גאנץ פײנע צאָל לײענער ,אינטעליגענטע,װאָס שאצן דאָס אָפ און לאָזן אונז װיסן. העלפן די יעניקע װאָס נויטיקן זיך אין אונזער הילף,און טאָן דאָס אף א פײנעם שטילן אופן,אָן טאראראם,טומל,דאָס בלײבט דער הויפט מאָמענט אין אונזער הײליקע ארבײט. זאָלן דאָס גוט געדענקען אלע פרײנט װעמען דער גורל האָט געבראכט אין די היגע לענדער און װאָס לעבן בכבודיק,שײן און פארמעגלאך--געדענקט אין אײערע פרײנט,װעמען דאָס לעבן איז ניט געװען אזוי צוקערדיק. גיט מיט א פולע האנט. און װי שוין אמאָל געזאָגט: האָט א פארגעניגן פון געבן.

* * *

דער קומענדער נומער 11 װעט דערשײַנען, װארשײַנלאך, אין חודש סעפט. אָדער, אפשר, פריער. עס װענדט זיך װען אונזער געפּלאנטער רײזע קײן ישראל, װעט אויסקומען. אלנפאלס, מיר װעלן האָבן אלע נומערן הײַ יאָר אזוי װי מיר האָבן צוגעזאָגט. שיקט ארײַן אײַערע מאטעריאלן אין צײַט.

פאַרן קומענדן נומער האָבן מיר שוין:

א) מײַנע איבערלעבונגען אין צװײטן װעלט־קריג
(צוזאמען מיט אינטערסאנטע בילדער) ד״ר העשיל קלעפּפיש

ב) איטשע מאיר װײסענבערג נחמן מײזל ע״ה

ג) גימנאזיע אין ישראל פירט אײַן קורסן אין ײדיש

ד) שפּינאָזא בילד און ביאָגראפיע לײב ראָבמאַן

ה) דאָס לעבן אין קיבוץ יהודה בן שלום

ו) געבורט פון אנטיסעמיטיזם, אימפּעריאליזם און טאָטאליטאַריסקײט
(בוך פון האנא ארענדט) שאָלעק

ז) אונזער אָרגאניזאציע, געשיכטע לײבוש

און נאָך אנדערע מאטעריאלן, ארטיקלן, אינטערסאנטע און באלערנדע.

* * *

נאָך אמאָל, טײַערע פרײַנט, שיקט ארײַן אײַערע ארטיקלן, באריכטן אין צײַט, כדי מיר זאָלן קאָנען בעסער פלאנירן און צוגרײטן אונזער שריפט.

פארגעסט ניט, אײַנצוצאָלן פאַרן בולעטין, פאַרן יאָר 67.

אויב אונז קומט אויס אװעקצופאָרן אײדער מיר גיבן ארויס דעם נומער בולעטין, װילן מיר אײַך אלע טײַערע פרײַנט אומעטום, װאונטשן א זײַ געזונט און גײט אָן מיט אײַער, אונזער הײליקע ארבײט מיטן זעלבן מוט און ענערגיע. זײַט געזונט און שטארק טײַערע חברים און פרײַנט.

* * *

ש.

אינהאלט פון היינטיקן נומער

פאָרזעצונג פון זייט 1

א פראָפעסיאָנעלע פאָרשטעלונג 79
הערשל אלטמאן
יזכור אָװנט ג. אָשלאק 82

א חתונה אין שטעטל,קאָטע ריקע 87

א רייזע אין פאנאמא,ק. לוקאָװיעצקי 99

רייזע אין אויסטראליע ה. אלטמאן I05

באריכט,בראזיל יאָסקע משפטים I07

באריכט בראזיל טשעטשינארזש I09

ארגענטינע אברהם ראָבװערגער I20

ליי קאָסע אין ישראל אריה I22
לעבערמאן
שאול לעדערמאן יעקב פעלהענדלער I28
טרויער אין אונזער משפחה

שמועסן מיט די לייענער און נאָך.....

M. FRUCHTENBERG
2823 WEST 12th STREET
CONEY ISLAND   BROOKLYN N Y

I. BARCENAS